ענינים ותורות על

# הגדה של פסח

ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו ה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בנין ישעי' זאב לעוו

פסח

כתה ה' - תשע"א

## פסח – דער יום-טוב פון אמונה

"אמונה בה" האט נישט קיין עק און קיין גרעניץ. אפילו מען גלייבט אין דעם אייבערשטען מיט א גאנצע אמונה, קען מען זיך אלס הייבן מער און מער צו אנערקענען זיין גרויסקייט און זיין נאנטקייט צו אונז, און צו אנערקענען אז גארנישט אויף דער וועלט פירט זיך אן אים, און אלעם וואס געשעהט צו אונז אפילו א קליינע זאך איז אלס נאר דער רצון ה'. דעריבער דארפן מיר אין די הייליגע טעג אריינכאפן מער און מער פון מחשבות פון אמונה און בטחון אין דעם אייבערשטען,. און דער עיקר וועג ווי אזוי מען טוט איינפלאנצען די אמונה אין אונזערע הערצער איז דורך סיפור יציאת מצרים. פירט די גאנצע וועלט, מיט א געוואלדיגע השגחה.

אויך שטייט אין חינוך אז די אלע מצות פון יו"ט ווען מען איז עס מקיים מיט די ריכטיגע כוונה טוט דאס איינבאקען די ריכטיגע אמונה אין אונזערע הערצער, אז דער אויבערשטער פירט די גאצע וועלט מיט א געוואלדיגע השגחה.

צו דעם דארף מען זיך מכין זיין מיט א ריכטיגע הכנה. מען דארף צוגיין צו די הייליגע טעג מיט א שטארקע ערענסטקייט און גלוסטעניש. ווי אויך דארפען מיר מתפלל זיין צום אייבערשטען אז מיר זאלן זיך מיטכאפן מיט די הייליגע אורות וואס קומען אראפ פון אויבן.

דער אויבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלן האבן די זכיה צו האבן מיטצונעמען די השפעה פון יו"ט אין האבן די ריכטיגע אמונה טהורה אמן.

## א ווארט צום קינד

**עס** איז וויכטיג מעורר צו זיין די קינדער, אז מען דארף זייער שטארק אכטונג געבן, אין די טעג וואס מיר האלטן שוין אט אט ביי די שוועל פון פסח, וואס איז געווענליך אנגעצויגענע זמנים אין די אידישע הייזער, ווייל פון א חמצ'דיגע שטוב דארף מען איבערקערן פאר א פסח'דיגע שטוב, און אויסרוימען יעדע "משהי חמץ" וואס דאס אלעס איז זייער א גרויסע אחריות, דארפן די קינדער מער אכטונג געבן, נישט גורם צו זיין פאר די עלטערן **"עגמת נפש"** אדער **"כעס"**, נישט זיך ארומקריגן מיט די ברידערס און געשוויסטער, וועגן עניני פסח, נאר פארקערט זוכן ווי מער ארויסצוהעלפן אין שטוב, מיט רייניגן, און מיט אלע זאכן וואס די עלטערן הייסן טוען זאלן געטוען ווערן ברצונו הטוב, און מיט די זכות וואס די קינדער וועלן זיך מקבל זיין דאס צו טוען, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו נאכל מן הפסחים בירושלים און א לעכטיגע כשר'ע פסח פאר אלע אידן אמן.

# יו"ט פסח

די יום טוב פסח האט אכט טעג, די ערשטע צוויי טעג זענען גענצליך יום טוב וועלכע מען טאר נישט טוהן קיין וואכנדיגע ארבעט, אויסער זאכען וואס מען דארף האבען פאר די לעבן פון די מענטש למשל קאכען, באקען, דערנאך זענען דא פיר טעג, וואס זענען "חול המועד" וואס מען מעג טוהן טייל מלאכות. און די לעצטע צוויי טעג, "שביעי של פסח" און "אחרון של פסח" זענען יום טוב אזוי ווי די ערשטע צוויי טעג.

דער יום טוב פסח האט השי"ת אונז באפוילען צו פייערן אלס זכר פון די גרויסע נסים וואס השי"ת האט געטוהן צו אונזערע עלטערן אין מצרים, ווי די אידען האבען געארבעט זייער שווער פאר די מצריים, און זיי זענען דארט געווען קנעכט פאר פרעה פאר אסאך יארן. פון מצרים איז נישט מעגליך פאר קיין שום מענטש ארויס צו גיין אדער צו אנטלויפן, און אוודאי נישט פאר טויזענטער מענטשן. השי"ת האט געטוהן גרויסע נסים און געשלאגן פרעה און די מצריים מיט וואונדערליכע מכות.

נאך די מכות זענען פרעה מיט די מצריים געקומען צו משה רבינו בעטן אז די יודן זאלען שוין ארויס גיין פון מצרים "יעצט אינמיטן די נאכט". משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה אז מיר זענען נישט קיין גנבים - פארברעכער וואס לויפן אוועק אינמיטן די נאכט, נאר מיר וועלן ארויס גיין אינמיטען טאג. אין די פיפצענטער טאג אין חודש ניסן זענען זעקס הונדערט טויזענט אידען ארויס געגאנגען פון מצרים, (מיט טייג אויף זייער אקסלען). אלס זכר פון די נס האט השי"ת אונז באפוילען אפצוהיטן דעם יום טוב פסח, השי"ת האט אונז באפוילען צו עסען מצה און נישט עסען קיין חמץ.

## די גרויסקייט פון פסח

די ספרים הקדושים ברענגען בשם דעם אר"י הקדוש: אז א יעדע יום-טוב קומען אראפ פון אויבן די אורות און השפעות וואס זענען אראפגעקומען די ערשטע מאל בשעת די נס, און עס חזר'ט זיך נאכאמאהל איבער די גאנצע נס: דעריבער שטייט טאקע אין די הגדה: "בכל דור ודור חיב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים אין א יעדן דור איז א מענטש מחויב זיך צו זעהן פונקט אזוי ווי ער אליין וואלט וועהן ארויס געגאנגען פון מצרים". ווייל דאס איז דער אמת אז א יעדע יאר ווען עס קומט דער יום-טוב פסח גייען מיר ארויס פון מצרים.

דער חסד לאברהם (אזולאי) שרייבט: אז א יעדע יאר פון דרייסיג טעג פאר פסח, וואס דאס מיינט פון פורים, גייט א איד ארויס פון א חלק פון דעם כח הטומאה, און ער גייט אריין אין א חלק פון דעם כח הקדושה, ביז פסח ביינאכט וואס דעמאלס איז ער שוין אינגאנצען ארויס פון די כוחות הטומאה, אין אינגאנצען אריין אין די כוחות הקדושה.

דער הייליגער רבי נחום טשערנאבילער זי"ע שרייבט: אין זיין ספר "מאור עינים" אז א יעדע יאר פסח גייט א יעדע איד ארויס "פון זיינע קליפות", וואס דאס מיינט פון זיינע יצר הרע'ס און טומאה און נסיונות וואס ער האט, און ער קען זיך באפרייען פון אלעס שלעכטס און זיך מקדש זיין און הייליגן אזוי ווי די אידן האבן זיך געהייליגט ביי יציאת מצרים.

דער הייליגער "מאור ושמש" זאגט: אז דעריבער ווערט דער יום-טוב אנגערופן "פסח", וואס איז נוטריקון "פה סח" - דאס מויל רעדט, ווייל אין די צייט זענען די אידן ארויס פון מצרים און דער "דיבור" איז ארויס פון גלות.

# די יו"ט ווערט אנגערופען מיט 3 נעמען

## חג המצות — חג הפסח- זמן חרותינו,

## חג המצות

אין די תורה ווערט דער יום-טוב אלעמאל אנגערופען "חג המצות", ווייל יו"ט פסח איז א מצוה צו עסן מצה, און מען מיז אונזין האבן בשעת מען עסט די מצה, דער טעם פארוואס השי"ת האט געהייסן עסן מצה, אזוי ווי עס שטייט אין די הגדה: "על שם שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ - ווייל די טייג פון אונזערע עלטערן האט נישט געהאט קיין צייט חמצ'דיג צו ווערן", כי גרשו ממצרים ווייל זיי זענען פארטריבן געווארן פון מצרים.

## חג הפסח

מיר רופן אן דעם יום-טוב "פסח", אלס דעם קרבן פסח וואס מען האט מקריב געווען ווען דער בית המקדש איז געשטאנען.

דער קרבן פסח קומט אלס א זכר צו דעם גרויסען נס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, אשר פסח על בתי בנ"י בנגפו את מצרים אז וואס דער אייבערשטער האט איבערגעשפרינגען איבער די הייזער פון די אידן ווען ער האט אויסגע'הרג'ט אלע בכורים פון די מצריים "ואת בתינו היצל", און די אידישע הייזער האט ער געראטעוועט.

## זמן חרותינו

אויך ווערט דער יום-טוב אנגערופן זמן חירותינו. וואס דאס מיינט א יו"ט פון פרייהייט ווייל דעמאלס זענען מיר באפרייט געווארן פון די הענט פון די מצרים, און אויך זענען מיר דעמאלסט אויך באפרייט געווארן פון די טמאה פון מצריים, און דאס ווערט איבערגע'חזר'ט א יעדע יאר פסח, און א יעדע יאר איז עס א "זמן חרותינו", א צייט פון פרייהייט פון די הענט פון די יצר הרע.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס רופען מיר אן דעם יום טוב "פסח", די תורה רופט דאך אן דעם יום טוב "חג המצות". מען קען דאס פארענטפערן, ווייל עס איז ידוע אז דער אויבערשטער בארימט זיך שטענדיג מיט די מעלות פון די יודען, און די יודען טוהן פארקערט, זיי רימען די מעלות פון דעם אייבערשטן כביכול. לויט דעם קען מען זאגן אזוי, די יודען רופען אן דעם יום טוב מיט'ן נאמען "פסח", ווייל דאס ווארט "פסח" איז טייטש - איבערגעהיפט, און דאס מיינט מען אז דער אויבערשטער האט איבערגעהיפט די יודישע הייזער אין מצרים, און די יודען ווילן מיט דעם דערמאנען דעם לויב פון דעם אויבערשטן, אז ער האט גוטס געטוהן מיט די יודען. אבער די תורה רופט אהן דעם יום טוב "חג המצות", כדי צו דערמאנען דאס מסירת נפש פון די יודען, אז זיי זענען נאכגעגאנגען משה רבינו אין מדבר אריין, און זיי האבן זיך בלויז מיטגענומען אביסל טריקענע מצה, און מיט דעם דערמאנט דער אויבערשטער דאס מסירת נפש פון די יודען.

# הלכות ומנהגים

## בדיקת חמץ

א) **דער** דרייצענטער טאג פון חודש ניסן ביינאכט, די נאכט פאר ערב פסח איז מען בודק חמץ.

ב) **אין** די נאכט איז א מצוה צו נעמען א ליכט, און דורכ'ן שיין פון די ליכט זאל מען גוט ארום זוכען איבעראל אין אלע ווינקלען פון די שטוב, אין א יעדע פלאץ ווי עס קען זיין אז מען האט דארט אריין געברענגט חמץ.

ג) **באלד** ווי עס ווערט נאכט דארף מען בודק חמץ זיין. מען איז בודק חמץ ביינאכט ווייל ביינאכט איז מען אין דער היים. נאך א טעם, ווייל די ליכטיגקייט פון א ליכט לייכט נישט בייטאג ווען עס איז ליכטיג, און ביינאכט איז דער ליכטיגקייט פון די ליכט שטארק.

ד) **מען** טאר נישט ארבעטען, עסען א סעודה, און אפילו נישט לערנען די נאכט פון בדיקת חמץ ביז מען איז בודק חמץ, כדי מען זאל נישט פארגעסען צו בודק חמץ זיין.

ה) **לכתחילה** זאל מען נעמען א ליכט פון וואקס, ווייל עס טראפט נישט. מען טאר נישט נעמען א ליכט וואס האט מער ווי איין קנויט, ווייל די פלאם זאל נישט זיין צו גרוים און מען וועט מורא האבען צו בודק חמץ זיין אין א יעדע פלאץ.

ו) **פאר** מען איז בודק חמץ זאל מען גוט אויפרוימען די שטוב ווייל עס זאל זיין גרינגער צו בודק חמץ זיין.

ז) **אויך** זאל מען אוים שאקלען די טאשען פון אלע קליידער, ווייל אסאך מאל לייגט מען אריין דארט חמץ.

ח) **פאר** מען איז בודק חמץ זאל מען זיך וואשען די הענט, און מען זאגט די ברכה אשר קדשנו וכו' על ביעור חמץ, שהחיינו זאגט מען נישט, נאך די ברכה זאל מען נישט אויסרעדען.

ט) **מען** פירט זיך אז מען לייגט ארום אין שטוב 10 הארטע שטיקלעך ברויט, (וויניגער ווי א כזית) און דער וואס איז בודק חמץ זאל דאס אויפזיכן ווייל מען האט מורא אויב ער וועט גארנישט טרעפען וועט עס זיין א ברכה לבטלה.

**די חשיבות פון אויסרוימען די שטוב אויף פסח**

**שוין** אפאר וואכן פאר פסח נעמט מען זיך אויסצורוימען די שטיבער, און אויסקראצן די חמץ פון אלע וואונקלעך אין שטוב, ווי מער מען פלאגט זיך אויסצורוימען די חמץ, אלס מער וועט די הקב"ה אויסרוימען דעם יצה"ר פון אונזערע הערצער.

(קב הישר פרק ט')

**מיט** דעם וואס מען מיטשעט אפ די קערפער מיט די שווערע גרייטונגען צום הייליגן פסח, ווערט דעם גוף גערייניגט פון די גראבע פלעקן וואס די עבירות פארשמירן איר.

(קב הישר פרק צ')

**עס שטייט אין רמ"א:** אז כאטש מעיקר הדין איז מען נישט מחיוב אויסצורייניגען יעדע ברעקל חמץ וואס איז נישט חשוב, ווייל עס ווערט פון זיך אליין בטל, דעסוועגן דאך "ישראל קדושים הם" די יודן זענען זייער הייליג און זיי זענען זיך מחמיר אויסצורייניגען א יעדע ברעקל חמץ, און וואשען די ווענט וואס קענען זיין אנגעקלעבט מיט חמץ,

**דער הייליגער קדושת לוי פון בארדיטשוב זי"ע האט געטייטש:** אינעם יהי רצון וואס מ'זאגט נאך תקיעת שופר "**שיעלו אלו המלאכים היוצאים מן קשר"ק וימליצו טוב בעדינו**" אז דאס ווארט **קשר"ק** איז ראשי תיבות **ק**'ראצן **ש**'ארן **ר**'ייבן **ק**'שרן) ווייל די זאכן זענען מליץ יושר פאר אונז.

**עס טייט אין די ספרים הקדושים:**, די טעם פארוואס פסח איז מען אזוי מחמיר, מיט חמץ, מער ווי מען זעהט ביי אנדערע איסורים, ווייל חמץ איז א רמז אויפן יצר הרע, (ווייל חמץ בלאזט זיך אויף אזוי ווי דער יצר הרע בלאזט אויף דעם עולם הזה, ער מאכט דאס אויסזעהן מער ווי עס איז)

י) נאך א טעם שטייט פונעם אר"י הק' אז די 10 ברעקלעך איז אנקעגען די 10 קליפות טמאות (כוחות הטמאה) אין דאס טוט מען אויסרוימען (אריה"ק)

יא) **נאך** בדיקת חמץ זאל מען מבטל זיין און מאכען הפקר די חמץ וואס עס ליגט אין זיין רשות און ער האט דאס נישט געפונען, (און ער זאגט "כל חמירא". און ער זאל אויך זאגען אויף אידיש אז ער איז מבטל זיין חמץ. מבטל זיין מיינט אז מען זאגט אז די חמץ זאל זיין הפקר אזוי ווי די שטויב פון די ערד) יעצט איז מען נאר מבטל די חמץ וואס מען האט נישט געזהן, ווייל מען גייט נאך עסן חמץ.

יב) **דער** טעם פארוואס איז מען בודק חמץ, זאל מען דאס נאר מאכן הפקר? נאר ווייל אויב מען וועט טרעפען חמץ אום פסח און מען וועט פארגעסן אז עס איז פסח און מען וועט דאס ח"ו אויפעסן (ווייל מען איז צוגעוואוינט צו עסן אגאנץ יאהר) נאך א טעם ווייל איך האב מורא אז ער וועט עס נישט מבטל זיין מיט די גאנצע הארץ.

יג) **די** חמץ וואס ער וויל נאך עסען ערב פסח זאל ער אריין לייגען אויף א אפגעהיטען פלאץ אז מען זאל דאס נישט צושלעפען.

יד) **עס** ווערט געברענגט אין ספרים, אז חמץ איז א רמז אויפן יצה"ר און , - און יעדע איד דארף ארבעטען אויף זיך דאס צו פארברענען און ארויס נעמען זיין יצר הרע, און זיך צוגרייטען צו מקבל זיין דער הייליגקייט פון דעם יום טוב.

און פון דעם יצר הרע טאר מען נישט איבערלאזען אפי' א משהו (א קליין ברעקל), די הלכה איז אז חמץ און פסח איז אסור אפי' א משהו, און עס ווערט נישט בטל,
**עס שטייט און ספה"ק אור המאיר א רמז:** דער חילוק צווישן חמץ און מצה איז נאר דער אות ה' אנשטאט דער אות ח', און פון די אות ה' פעלט נאר א משהו, עס זאל ווערן א ח', (חמץ) ח"ו.
**עס שטייט פון דער אר"י ה"ק:** אז דער וואס איז געווארנט פון א משהו חמץ אום פסח דער וועט זיין אפגעהיטן אין נישט זינדיגן א גאנץ יאר,
זאל השי"ת אינז מצל זיין פון דעם איסור פון חמץ און אויך פון דעם יצר הרע א גאנץ יאר.

טו) **ערב** פסח פון חצות איז חמץ אסור מן התורה, נאר די חכמים האבען געזאגט אז וויבאלד מענטשען קענען זיך טועה זיין מיט די שעות מעג מען נאר עסען ביז צוויי שעה פאר חצות, און ביז איין שעה פאר חצות דארף מען שוין אויך האבען מבער געווען דעם חמץ, מען פארברענט עס. אויך זאל מען אוים שווענקען די מויל.

טז) **נאכ'ן** פארברענען די חמץ איז מען נאכאמאל מבטל די חמץ און מען זאגט נאכאמאל "כל חמירא" דעמאלץ זאגט מען שוין "דחזיתיה ודלא חזיתיה" וואס דאס מיינט סיי וואס מען האט יא געזען סיי ואס מען האט נישט געזעהן.

יז) **אויב** מען האט געהאלטען חמץ איבער פסח און מען האט עס נישט פארקויפט פאר א גוי, טאר מען שוין קיינמאל נישט פון דעם קיין הנאה האבען.

# ערב פסח

א) ערב פסח איז דער פערצנטן טאג אין חודש ניסן.מען פירט זיך אז די בכורים פאסטען ערב פסח פאר א זכר אז ווען השי"ת האט אוים גע'הרג'עט די בכורים אין מצרים האט ער איבער געהיפט אויף די אידישע בכורים און זיי האט ער נישט גע'הרג'עט.

ב) אויב מען וויל נישט פאסטען איז דא א עצה מען מאכט א סיום אויף א מסכת (גמרא) און נאכדעם מאכט מען א סעודה, די סעודה איז א סעודת מצוה און וויבאלד מען עסט שוין פון די סעודת מצוה מעג מען שוין עסען נאכדעם.

ג) ערב פסח ביי שחרית זאגט מען נישט מזמור לתודה ווייל מיט די קרבן תודה האט מען געברענגט אסאך ברויטן וואס איז חמץ, און

ערב פסח האט מען נישט מקריב געווען די קרבן תודה ווייל עס איז נישט געווען געגוג צייט אויפצועסן דאס ברויט אויך זאגט מען נישט חול המועד מזמור לתודה ווייל מען האט נישט דעמאלסט מקריב געווען די קרבן תודה.

ד) ערב פסח איז אזוי ווי יום טוב, און מען טאר נישט ארבעטען פון נאך חצות. ווייל ווען די בית המקדש איז געשטאנען האט מען אין דעם טאג מקריב געווען דעם קרבן פסח נאך חצות. און א טאג וואס מען האט געברענגט א קרבן איז געווען א יום טוב, פאר א זכר פון דעם מאכן מיר היינט אויך דעם טאג פאר א יום טוב.

ה) אזעלכע מלאכות וואס מען מעג טוהן חול המועד מעג מען טוהן ערב פסח (נאך חצות) אויך מעג מען טוהן מלאכות וואס מען דארף לכבוד יום טוב. מען מעג פארעכטען אדער צונייען קליידער וואס מען דארף לכבוד פסח, אפילו נאך חצות.

ו) ערב פסח נאכמיטאג זאל מען נישט עסען אסאך, כדי מען זאל עסען די מצה ווען מען איז הינגעריג, אויך ווערט געברענגט אז מען זאל נישט עסען מצות פון חודש ניסן ביז פסח. פירות מעג מען יא עסן, אבער אויך נישט צו אסאך, אז מען זאל נישט זיין צו זאט.

ז) מען דארף זיך אפשערען די נעגעל פון די הענט און פון די פיס און זיך אפשערן די האר פון קאפ לכבוד יום טוב.

ח) מען זאל זיך שערן פאר חצות, אויב מען האט פארגעסען מעג מען זיך שערען נאך חצות, נאר דורך א גוי.

ט) מען פירט זיך צו באקען מצות ערב פסח, און בשעת'ן באקען זינגט מען הלל.

י) ערב פסח זאל מען זיך אפוואשען און זיך טובל'ן אין מקוה לכבוד יום טוב.

יא) קינדער זאלען זעהן זיך צו לייגען שלאפען ערב יום טוב כדי מען זאל קענען אויף זיין ביינאכט און פרעגען די מה נשתנה און הערען די נסים פון יציאת מצרים.

יב) מען גרייט צו די אלע מאכלים וואס מען דארף האבן אויף צום סדר, אויך באקוקט מען די מרור סאלאט פון ווערם.

# דיני ועניני הסדר

א) די סדר נאכט איז אנגעפילט מיט אסאך מצוות 1) טרינקען די פיהר כוסות, 2) עסען מצות, 3) עסען מרור, 4) דערציילן די נסים פון יציאת מצרים, און נאך אנדערע מצוות.

ב) מען טרינקט פיר כוסות אקעגען די פיר לשונות פון אויסלייזען - "והוצאתי" - "והצלתי" - "וגאלתי" - ולקחתי"

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים און איך וועל אייך ארויסציען פון די שווערע לאסט פון די מצרים

והצלתי אתכם מעבדתם און איך וועל אייך ראטעווען, פון די זייערע ארבעט

וגאלתי אתכם בזרוע נטויה ובשפטים גדולים און איך וועל אייך אויסלייזן פון מצרים, מיט א אויסגעשטרעקט ארעם אין מיט גרויסע שטראפען

ולקחתי אתכם לי לעם און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאר א פאלק.

און די כוס של אליהו איז אקעגן דעם לשון פון פסוק, "והבאתי" אתכם אל הארץ.

ג) די פיר כוסות דארף מען טרינקען, לויט די סדר וואס די חכמים האבן מתקן געווען, אויף די "ערשטע כוס" מאכט מען "קידוש", אויף די "צווייטע כוס" זאגט מען די "הגדה", אויף די "דריטע כוס" זאגט מען "ברכת המזון", און אויף די "פערטע כוס" זאגט מען "הלל".

ד) אויב מ'טרינקט אוים די ד' כוסות אויפאמאל נישט לויטן סדר יוצא געווען.

ה) עס איז מער מצוה צו נעמען רויטע וויין, ווייל עס איז חשוב'ער, און אויך פאר א זכר וואס פרעה האט זיך געבאדען אין בלוט פון יודישע קינדער ר"ל.

ו) פרויען, און קינדער וואס פארשטייען, זאלען אויך טרינקען די פיר כוסות.

ז) מען פירט זיך אז די בעל הבית גיסט נישט אליינם אן די כוס

נאר דורך א צווייטען, צו ווייזן פרייהייט.

ח) מען טאר נישט אויסרעדען בשעת מען טרינקט אוים די כוס - אלע כוסות זאל מען טרינקען אנגעלאנט.

ט) ביים סדר נאכט ביי כזית מצה, אפיקומן, ד' כוסות, דארף מען זיך אנלאנען, אויף די לינקע זייט - נישט אויף די רעכטע זייט ווייל דאס איז א סכנה, אויך זאל מען זיך נישט אנלאנען אויף די ריקען ווייל דאס איז נישט דרך חירות, די וועג פון פרייהייט. אויך נישט אויף די שוים ווייל עס זעהט אוים ווי מען איז טרויעריג. אבער ווען מען זאגט די הגדה זאל מען זיך נישט אנלאנען, ווייל עס איז נישט קיין דרך ארץ.

י) דער טיש זאל זיין אנגעגרייט נאך פון בייטאג, כדי ווען מען קומט אהיים פון שוהל זאל מען זיך גלייך קענען זעצן צום סדר אין די קינדער זאלן נישט איינשלאפן. ווען ערב פסח איז שבת טאהר מען נישט אנגרייטן פון בייטאג נאר מען זאל אנגרייטען ביינאכט.

יא) דער טיש זאל זיין אנגעגרייט מיט די שענסטע כלים אפילו מען וועט נישט ניצען די כלים ביים סדר, צו ווייזען א זכר פון פרייהייט.

יב) מען זאל זעהן צו מאכען די חרוסת און די זאלץ וואסער פאר יום טוב.

יג) אין די נאכט פון פסח איז א צייט וואס עס איז אנגעגרייט אז מיר זאלען געהאלפען ווערען אז השי"ת זאל אונז אויסלייזן פון גלות.

יד) אין די נאכט זענען די טויערן פון הימעל אפען און מען ענטפערט אלע געבעטן פון אידישע קינדער.

טו) מען נעמט דריי מצות און מען לייגט עס איינס אויפן אנדערן דער אויבערשטער ווערט אנגערופן "כהן" - דער מיטעלסטער ווערט אנגערופען "לוי" - און דער אינטערשטער ווערט אנגערופען "ישראל".

טז) די מצה ווערט אנגערופען לחם עוני ארימע ברויט ווייל מצה ווייזט אויף ארימקייט. נאך א טעם ווייל שעונין עליו דברים הרבה - ווייל וועגן די מצה ווערט אסאך ארום גערעדט ווייל בשעת די מצה ליגט פאר אונז אויפן טיש דערציילען מיר וועגן יציאת מצרים, און מיר זאגן די הגדה.

יז) אויף די קערה לייגט מען ארויף "זרוע" - א געבראטענע שטיקעל פלייש, זכר פון די קרבן פסח, "ביצה" - אייער, זכר צו די קרבן חגיגה, "כרפס" - "מרור" - "חזרת" - חריין, און "חרוסת". אין די קערה לייגט מען אריין דריי מצות "כהן" - "לוי" - "ישראל".

יח) ביי די הייליגע נאכט פון די סדר דארף מען זיצען מיט דרך ארץ און זיך נישט ארומקריגען ח"ו.

יט) מען פירט זיך אנצוגרייטן גרויסע לעכט וואס דאס ווערט אנגערופען מה נשתנה לעכט, כדי עס זאל ברענען א גאנצע סדר, אויך איז עס א רמז אז די נאכט פון פסח איז געווען ליכטיג אזוי ווי צופרי, אזוי ווי עס שטייט און פסוק, ולילה כיום יאיר" אז די נאכט פון פסח האט געלאכטען אזוי ווי צופרי.

# פארוואס הייסט עס די סדר נאכט

כ) עס שטייט א משל אין חובת הלבבות, אז א מענטש איז איינמאל אריינגעקומען אין א טונקעלע שטוב האט ער זיך כסדר צוקלאפט פון די זאכן וואס זענען דארט געווען, האט ער געשריגן אז די הויז האט נישט קיין סדר, אבער ווען איינער איז געקומען און אנגעצינדען די לעקטער האט מען געזעהן אז די הויז האט יא א סדר, ער איז נאר קרום געגאנגען, אזוי אויך א גאנץ יאהר ווען עס געשעהט פארשידענע זאכען צו מענטשען מיינען זיי ח"ו אז די וועלט איז אהן סדר, אבער ווען עס קומט די הייליגע סדר נאכט ווערט ליכטיג פאר יעדע איד זעהט מען אז א גאנץ יאהר האט די וועלט אויך געהאט א סדר מיר זענען נאר קרום געגאנגען. (הגדה דבר צבי)

כא) נאך א טעם פארוואס די נאכט פון פסח רופט מען "סדר נאכט" ווייל די אויפירונג ווי אזוי מען פירט זיך אויף ביים סדר אזוי פירט מען זיך אויף א גאנץ יאהר. (הרה"ק ר' אהרן מקארלין זי"ע)

# סימני הסדר




## קַדֵּשׁ. וּרְחַץ. כַּרְפַּס. יַחַץ. מַגִּיד. רָחְצָה.
## מוֹצִיא מַצָּה. מָרוֹר. כּוֹרֵךְ. שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ.
## צָפוּן. בָּרֵךְ. הַלֵּל. נִרְצָה.

# ה ק ע ר ה

**מען נעמט 3 מצות - כהן, לוי, ישראל - אקעגן אברהם, יצחק, יעקב,**

די זעקס זאכן וואס מיר האבן אויפן קערה שיסל זענען

## זרוע, ביצה, מרור, חרוסת, כרפס, חזרת.

**זרוע** איז א שטארק געבראטן פלייש, געווענליך א פליגל, פארוואס ? צו ווייזן אז השי"ת האט ארויסגעצויגן די אידן **"בזרוע נטויה"** מיט אן אויסגעשטרעקטע ארעם, **"די זרוע"** איז אויך אן אנדענק צום קרבן פסח וואס די אידן האבן געגעסן פסח ביינאכט.

**ביצה** א געקאכטע איי, אלץ זכר צו דעם קרבן **"חגיגה"**, וואס מען האט געגעסן צוזאמען מיט דעם קרבן פסח.

**מרור** ביטערע חריין, אלץ זכר (אנדענק) אויף די ביטערע צרות וואס די אידן האבן געליטן אין לאנד מצרים.

**חרוסת** עפל, ניס, און וויין צוזאמענגעמישט, חרוסת האט די זעלבע קאליר ווי ליים, אלץ זכר (אנדענק) צו די שווערע ארבעט וואס די אידן האבן געארבעט מיט (ציגל און) ליים

**כרפס** א שטיקל קארטאפל אדער רעטעך, כרפס קומט פוןווארט "פרך" דאס מיינט שווער, דאס דערמאנט אונז די שווערע ארבעט פון די אידן אין מצרים.

**חזרת** בלעטער פון מרור, די בלעטער ווי לענגער עס ליגט אויף'ן מרור אלץ ביטערער איז עס, דאס לערנט אונז, אז ווי לענגער די אידן זענען געווען אין מצרים אלץ ביטערער איז געווען די צרות.

# קדש

**פסח ביינאכט ווען דער טאטע קומט אהיים פון שול טוט ער זיך אן די ווייסע קיטל און ער מאכט שוין קידוש כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן.**

- מען שווענקט אויס דעם כוס פאר קידוש.
- לכתחילה זאל מען נעמען רויטער וויין צו די ארבע כוסות.
- יעדער איינער איז מחויב בארבע כוסות, סיי מענער, ווייבער, און קינדער [וואס פארשטייען די נסים פון יציאת מצרים] ווייל זיי זענען אויך געווען ביים נס.
- מען דארף לכתחילה אויסטרינקען א גאנצע רביעית, אבער מען איז יוצא אז מען טרינקט רוב רביעית. ביים פערטן כוס אבער דארף מען אויסטרינקען א גאנצע רביעית, כדי מען זאל קענען זאגן די ברכה אחרונה על הגפן, עס איז דא א דיעה אז מען דארף אויסטרינקען רוב כוס לכתחלה און זאל מען אויסטרינקען די גאנצע כוס אפילו אויב עס איז מער ווי א רביעית, און לכתחלה זאל מען מחמיר זיין ווי די דיעה (וועגן דעם זאל מען נעמען א קלענערע כוס).
- מען דארף אויסטרינקען דעם כוס אויף איינמאל (זיך נישט אפשטעלן אינמיטן).
- מען דארף טרינקען די ארבע כוסות אנגעלאנט אויף די לינקע זייט.
- ביי דעם שהחיינו פון קידוש דארף מען אינזין האבן אויך די אנדערע מצוות פון די נאכט.
- ביים טרינקען די כוס פון קידוש דארף מען אינזינען האבן אז מ'איז יעצט מקיים די מצוה פון טרינקן די ערשטע כוס פון די ד' כוסות.

## פארוואס טוט מען אן א קיטל פסח ביינאכט:

ווייל א ווייסע בגד איז א חשובע זאך און דאס ווייזט אויף פרייהייט, און מיט דעם וואס מיר טוען אן די קיטל ווייזן מיר אז מיר זענען מער נישט קיין קנעכט נאר פרייע מענטשן. (סדר היום)

ווייל א קיטל איז א בגד וואס מען טוט אן פאר'ן מענטש ווען ער לעבט שוין נישט, און פסח ביינאכט ווען מען עסט און מען טרינקט און דער מענטש איז דערהויבן און פריילעך, קען מען צוקומען זיך גרויס צו האלטן, וועגן דעם טוט מען אן א קיטל צו דערמאנען אז א מענטש לעבט נישט אייביג, און אזוי וועט מען געדענקען זיך צו האלטן קליין. (ט"ז סי' תע"ב)

כדי דער מענטש זאל זיך פאר שטעלן אז ער ווערט שוין גע'משפט אויף יענער וועלט און מען גיט אים נאך א ברירה תשובה צו טוהן, און אראפ צוקומען פראוועגען איין סדר, אויף אזא אופן זאל ער אנרעכטן דעם סדר. (רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע)

## פארוואס דארף מען זען אז די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן:

ווייל די נאכט איז די מצוה פון והגדת לבנך, אז מען זאל דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים פאר די קינדער, דארף מען זען אז זיי זאלן נישט איינשלאפן אז זיי זאלן קענען פרעגן די קשיות, און דער טאטע וועט זיי ענטפערן און דערציילן די גרויסע ניסים פון יציאת מצרים.

# ורחץ

**מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט נישט קיין ברכה על נטילת ידים.**

### פארוואס דארף מען זיך וואשן די הענט:

ווייל מען גייט איינטינקען די כרפס אין זאלץ וואסער, און א דבר שטבולו במשקה, דאס מיינט א עסן וואס מען טונקט איין אין א געטראנק, איז דא פוסקים וואס לערנען, אז מען דארף זיך וואשן די הענט פאר מען עסט דאס, אזוי ווי מען וואשט זיך פאר מען גייט עסן ברויט. און א גאנץ יאר פירט מען זיך נישט אזוי, אבער ביים סדר נאכט וואס מען פירט זיך ערליכער פון א גאנץ יאר, איז מען מחמיר אויף זיך און מען וואשט זיך יא פאר מען גייט איינטינקען די כרפס. אבער קיין ברכה על נטילת ידים מאכט מען נישט, ווייל עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז מען דארף זיך נישט וואשן. (שו"ע)

# כרפס

**מען נעמט א שטיקל גרינצייג וויניגער פון א כזית און מען טינקט דאס איין אין זאלץ וואסער און מען מאכט א ברכה בורא פרי האדמה און מען האט אינזין צו פטר'ן דעם מרור.**

- כרפס עסט מען נישט אנגעלאנט.

### פארוואס עסט מען כרפס:

ווייל דאס קינד זאל זען אז מען טוט אנדערש פון א גאנץ יאר, ווייל א גאנץ יאר הייבט מען גלייך אן די סעודה, און היינט עסט מען גרינצייג פאר די סעודה, וועט ער פרעגן פארוואס איז היינט אנדערש, וועט אים דער טאטע ענטפערן און דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים.

### פארוואס נעמט מען וויניגער פון א כזית און מען האט אינזין צו פטר'ן דעם מרור מיט די ברכה:

ווייל עס איז א מחלוקת צו מען דארף מאכן א בורא פרי האדמה אויפ'ן מרור, עס איז דא וואס זאגן, אז מען דארף מאכן א בורא פרי האדמה אויף די מרור, ווייל די ברכה המוציא וואס מען האט געמאכט פטר'ט נישט דעם מרור, ווייל מרור געהערט נישט צו די סעודה, עס איז אבער דא וואס לערנען אז פסח ביינאכט געהערט יא דער מרור צו די סעודה, דארף מען נישט מאכן אויף דעם קיין ברכה, ווייל די ברכה פון המוציא האט דאס שוין גע'פטר'ט. וועגן דעם דארף מען אינזין האבן ווען מען מאכט די בורא פרי האדמה אויף די כרפס אז דאס זאל פטר'ן דעם מרור, און יעצט דארף מען שוין זיכער נישט מאכן קיין ברכה אויפ'ן מרור, ווייל מען האט שוין דאס גע'פטר'ט מיטן כרפס.

און וועגן דעם דארף מען עסן וויניגער ווי א כזית, ווייל טאמער מען עסט א כזית, דארף מען דאך מאכן א נאך ברכה, וועט דאך זיין צוריק די זעלבע שאלה אויפן מרור, וועגן דעם עסט מען וויניגער ווי א כזית און אזוי קען מען פטר'ן דעם מרור.

## פארוואס טינקט מען איין די כרפס אין זאלץ וואסער:

ווייל דאס איינטונקען איז א סימן פון פרייהייט. (ב"ח)

נאך א טעם שטייט פונעם ערשטען בעלזער רב ווייל ס'שטייט אין מדרש ווען דער אויבערשטער האט געהייסען מאכן א קרבן פסח האט ער ארויסגעצויגען א ריח גן עדן און די יודן זענען געקומען צולויפען אז זיי ווילען מאכן א קרבן פסח האט זיי דער אויבערשטער געזאגט אז מ'דארף פאר דעם מקיים זיין ברית מילה. האבן זיי אזוי געטוהן און נאכדעם זענען זיי געגאנגען אלע אין נילוס זיך טובל'ן, (ווי די הלכה איז), און אז זעקס הונדערט טויזענט יודן זענען געגאנגען אין נילוס זיך טובלן איז געווארן די וואסער איינגאנצען שמוציג דערפון, לזכר דעם טינקט מען עס איין אין זאלץ וואסער וואס איז אויך נישט זויבער.

# יחץ

**מען נעמט די מיטלסטע מצה וואס הייסט לוי, מען צוברעכט עס אויף העלפט, די גרעסערע העלפט לייגט מען אוועק פאר אפיקומן און די קלענערע העלפט לייגט מען צוריק צווישן די צוויי מצות.**

- מען פירט זיך צו לאזען די קינדער אוועק כאפען די אפיקומן כדי זיי זאלען וועלען אויפבלייבען ביז נאך די סדר.

## פארוואס לייגט מען אוועק די גרעסערע העלפט אויף אפיקומן:

ווייל פון דעם אפיקומן דארף מען עסן לכתחילה צוויי כזיתים, דערפאר דארף מען האבן צו דעם די גרעסערע העלפט.

## פארוואס דארף מען צוברעכן די מצה:

ווייל די מצה ווערט אנגערופן "לחם עוני" דאס טייטש ברויט פון א ארימאן, און דער סדר פון אן ארימאן איז צו האבן צובראכענע ברויט, (און פארדעם דארף מען דאס צוברעכן מיט די האנט און נישט מיט קיין מעסער, ווייל אן ארימאן ברעכט אויך אפ מיט די הענט. פרמ"ג)

## פארוואס באהאלט מען די מצה פון אפיקומן:

כדי מען זאל דאס נישט אויפעסן אינמיטן די סעודה. (ב"י)

כדי די קינדער זאלען פרעגען פארוואס באהאלט מען די מצה פאר די סעודה, וועט מען זיי ענטפערען די נסים פון יציאת מצרים. (שו"ע)

נאך א טעם זאגט דער הייליגער רבי בעל דברי יואל ווייל ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען האט מען געגעסן דעם קרבן פסח אויף די זעט (נאכן עסן), אבער אונזערע עבירות האבן גורם געווען אז דאס בית המקדש איז חרוב געווארן, דעריבער עסן מיר היינט דעם אפיקומן אלס א זכר צום קרבן פסח, קומט דאך אויס אז דער אפיקומן דערמאנט אונזערע עבירות, פארדעם דארף מען דאס באהאלטן, אזוי ווי דער פסוק זאגט אשרי נשוי פשע כסוי חטאה, ווייל מיר שעמען זיך אז צוליב אונזערע עבירות איז דער ביהמ"ק חרוב געווארן.

## פארוואס צוברעכט מען דוקא די מיטעלסטע מצה

ענפערט די רבי ר' שמעלקא מנקלשבורג זי"ע אז די גמרא זאגט אז השי"ת האט געזאגט פאר די אבות אז די אידן האבן געזינדיגט האט זיך קיינער נישט אנגענומען פאר די אידן, נאר יצחק און ער האט געזאגט פאר השי"ת אז ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך האלב עבירות און השי"ת זאל נעמען די איבריגע העלפט וועגן דעם צוטיילט מען די מיטעלסטע מצה ווייל די דריי מצות זענען קעגן **אברהם יצחק יעקב** און די מיטעלסטע מצה איז קעגן יצחק און מען וויזט אז יצחק האט זיך צוטיילט מיטן אייבערשטען מיט די עבירות פון די אידן אזוי איז נמחל געווארן די עבירות.

# מגיד

**מען זאגט די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל.**

- מען דארף איינזין האבן מקיים צו זיין די מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "זכור את היום אשר יצאתם ממצרים", און דאס מיינט מען פסח ביינאכט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה", דאס מיינט ווען מען האט פאר זיך מצה און מרור.
- מען דארף געבן צו פארשטיין פאר די ווייבער און קינדער די נסים ונפלאות וואס דער אויבערשטער האט געטוהן מיט אונז ביי יציאת מצרים.
- ווען מען זאגט **הא לחמא עניא** ווייזט מען אן אויף די מצות, אסאך פירן זיך אויפצוהייבן די מצות.
- פאר מען זאגט מה נשתנה גיסט מען אן די צווייטע כוס.
- ווען מען זאגט די הגדה זאל מען האלטען די מצות אויפגעדעקט, אויסער ווען מען הייבט אויף די כוס דעקט מען צו די מצות.
- ווען מען זאגט די צעהן מכות גיסט מען אראפ פון די כוס, מען זאל נישט טרינקען פון די וויין וואס מען האט אראפגעגאסען.
- ווען מען זאגט "מצה זו" - "מרור זו" ווייזט מען מיט די פינגער אויף די מצה און מרור.

### פארוואס זאגט מען די הגדה פאר די סעודה:

ווייל אין די גמרא איז דא א שיטה אז לחם עוני טייטש, ברויט וואס מען זאגט אויף דעם (די הגדה) לויב פארן אייבערשטן, וועגן דעם זאגט מען די הגדה ווען די מצה ליגט נאך אויפן טיש, און נאכדעם עסט מען.

# רחצה

**מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט יא א ברכה על נטילת ידים**

### פארוואס וואשט מען זיך איבער נאכדעם וואס מען האט זיך שוין געוואשען ביי ורחץ:

מיט דעם וואס מען האט זיך געוואשן פאר כרפס איז מען נישט פטור זיך צו וואשן יעצט פאר די המוציא, ווייל ווען מען האט געזאגט די הגדה האט מען מפסיק געווען און מסיח דעת געווען, דאס מיינט פארגעסן צו האלטן ריין די הענט, פאר דעם דארף מען יעצט נאך אמאל וואשן די הענט.

# מוציא

**מען הייבט אויף אלע דריי מצות און מען מאכט א ברכה המוציא לחם מן הארץ**

### פארוואס הייבט מען אויף אלע דריי מצות:

ווייל יום טוב דארף מען מאכן א המוציא אויף לחם משנה צוויי גאנצע מצות, און די מיטלסטע מצה איז דאך צובראכן דארף מען אויפהייבן אלע דריי, און אזוי איז דא צוויי גאנצע מצות, די אויבערשטע מיט די אונטערשטע

# מצה

**מען לאזט אויס די אונטערשטע מצה און מען מאכט א ברכה על אכילת מצה.**

- מען רעדט נישט אויס ביז נאך כורך ווייל די ברכה פון על אכילת מצה גייט אויך ארויף אויף די כזית פון כורך
- ביים עסן די מצה דארף מען אינזינען האבען אז יעצט איז מען מקיים די מצות עשה דאורייתה פון אכילת מצה.
- מען כאפט אן די אויבערשטע מצה מיט די מיטעלסטע און מען מאכט די ברכה על אכילת מצה אויףביידע,
- מען דארף עסן די כזתים אנגעלייגט,
- מען דארף דאס עסן אויף איינמאל, און נישט מאכן א הפסק אינדערמיט,
- מען דארף עסן די כזית מצה פאר חצות,

### פארוואס כאפט מען אן דוקא די אויבערשטע און די מיטעלסטע מצה

ווייל עס איז דא א מחלוקת אויף וועלכע מצה גייט ארויף די ברכה "על אכילת מצה", אויף די אויבערשטע אדער אויף די מיטלסטע, וועגן דעם כאפט מען אן ביידע, און וועגן דעם עסט מען טאקע צוויי כזיתים, איין כזית פון די ערשטע מצה און איין כזית פון די מיטלעסטע, יוצא צו זיין ביידע שיטות.

# מרור

**מען נעמט א כזית מרור און מען טינקט דאס איין אין חרוסת און מען מאכט א ברכה על אכילת מרור און מען עסט דאס נישט אנגעלעהנט.**

- מען עסט מרור פאר א זכר וואס עס שטייט "וימררו את חייהם" וועגען דעם עסט מען דאס נישט אנגעלעהנט.
- ביים עסן די מרור דארף מען אינזינען האבען אז יעצט איז מען מקיים די מצוה דרבנן פון עסן מרור.

### פארוואס טינקט מען דאס איין אין חרוסת:

ווייל אין מרור איז דא א גיפט וואס עס שאדט פארן מענטש, און די פייכטקייט פון חרוסת איז מבטל דעם גיפט, אבער מען דארף אפשאקלן די חרוסת כדי עס זאל נישט מבטל זיין דעם טעם פון די מרור.

נאך א טעם פאר א זכר לטיט, ווייל די חרוסת זעהט אויס ענדליך צו די ליים מיט וואס די יודען האבען געארבעט אין מצרים. (גמרא)

# כורך

**מען נעמט צוויי שטיקלעך פון די אינטערשטע מצה גרויס ווי א כזית און מען וויקלט אריין א כזית מרור און מען זאגט זכר למקדש כהלל. און מען עסט דאס יא אנגעליינט**

- ביי כורך טינקט מען נישט איין די מרור אין חרוסת,(עס זענען דא וואס פירען זיך יא צו איינטונקען).

### פארוואס עסט מען כורך:

ווען די תנא הלל האט געלעבט אין די צייטען וואס די בית המקדש איז געשטאנען האט ער געזאגט אז מען דארף עסען די "קרבן פסח" - "מצה" - און "מרור" צוזאמען, אלס זכר פון דעם עסען מיר די מצה און מרור צוזאמען (די קרבן פסח האבען מיר ליידער נישט).

# שלחן עורך

**מען גרייט צום טיש און מען עסט און מען טרינקט לכבוד יום טוב און מען פירט זיך צו עסן אייער**

- ביי די סעודה דארף מען זיצען מיט דרך ארץ, און הייליגקייט אזוי ווי מען זיצט פאר א קעניג, מען זאל ח"ו נישט רעדען קיין נארישקייטען נאר מוזגין לו כוס שני וכאן הבן שואל
- מען עסט די סעודה לכבוד יום טוב, אבער מען דארף זען מען זאל זיך נישט אנעסן צופיל כדי מען זאל נאך קענען עסן דעם אפיקומן מיט חשק.

### פארוואס פירט מען זיך צו עסן אייער:

פאר א זכר צו אבילות, אז מיר האבען נישט די בית המקדש און מען קען נישט מקריב זיין די קרבן פסח. (די נאכט פון פסח געפאלט אין די זעלבע נאכט ווי תשעה באב). (רמ"א)

א זכר צום קרבן חגיגה וואס אידן האבן מקריב געווען און עס געגעסן פארן קרבן פסח: (הגר"א)

נאך א טעם זאגט די הייליגער חתם סופר ווייל אייער ווי מער מען קאכט עס אלץ הארטער ווערט עס. די זעלבע איז געווען ביי די אידן ווי מער מען האט זיי געפייניגט אלץ מער האבן זיי זיך געשטארקט. (חת"ם סופר)

# צפון

**מען נעמט אפיר דעם באהאלטענעם אפיקומן און מען עסט א כזית פאר חצות**

- דער אפיקומן עסט מען אנגעלענט
- לכתחילה דארף מען צו עסן צווי כזיתים, איין כזית א זכר צום קרבן פסח און נאך א כזית א זכר צום כזית מצה וואס מען האט געגעסן צוזאמען מיטן קרבן פסח. אויך דארף מען דאס עסן לכתחילה פאר חצות אזוי ווי דעם קרבן פסח האט מען געגעסן פאר חצות.
- נאכן אפיקומן, טאר מען גארנישט עסן, כדי עס זאל בלייבן דער טעם פון אפיקומן אין מויל אזוי ווי נאכן קרבן פסח האט מען אויך נישט געטארט עסן.

### פארוואס ווארט מען ביז צום סוף סעודה צו מאכן א זכר לקרבן פסח:

ווייל אויך דעם קרבן פסח האט מען געגעסן צום סוף ווען מען איז שוין געווען אביסל זאט. (מען האט קודם געגעסן די קרבן חגיגה)

## פארוואס פירט מען זיך צו גנב'ענן די אפיקומן

ווייל אזוי וועלן די קינדער וועלן די קינדער וועלן אויפבלייבן, צו קענען עפעס בעטן ביים צוריק געבן דעם אפיקומן, (חק יעקב)

נאך א טעם קען זיין ווייל רש"י זאגט אויף דעם וואס רבקה האט געגעבן פאר יעקב צוויי ציגעלעך אז עס איז געווען איינס פאר א קרבן פסח און איינס פאר א חגיגה און דאס איז אזוי ווי עס שטייט אין פרקא דרבי אליעזר אז די מעשה פון אויסכאפן די ברכות איז געווען פסח, ממילא מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מען גנב'ט די אפיקומן ווייל דער אפיקומן איז א זכר צום קרבן פסח, מאכט מען א זכר אז עס איז געלונגען פאר יעקב אוועק צו כאפן די ברכות פון עשו דורך אויסכאפן עשו מיטן געבן די קרבן פסח פאר יצחק אז עשו זאל עס נישט קענען געבן. (כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א)

# ברך

## מען גיסט אן דעם דריטן כוס און מען בענטשט

- ביים טרינקען די כוס פון ברכת המזון דארף מען אינזינען האבען אז מ'איז מקיים די מצוה פון טרינקען די דריטע כוס פון די ד' כוסות.
- פאר'ן בענטשען זאל מען אויסוואשען די כוס - און זיך וואשען מים אחרונים.
- נאכן בענטשן גיסט מען אן דעם כוס של אליהו און מען עפענט אויף דעם טיהר, און מען זאגט שפוך חמתך.

## פארוואס עפענט מען אויף די טיהר ביי שפוך חמתך,

צו ווייזן אז עס איז א "ליל שימורים" און מ'האט פון גארנישט מורא. (רמ"א)

נאך א טעם כדי אריינצובאקען אין אונזערע הערצער אז פאר משיח וועט קומען מוז אליהו פאר דעם קומען מבשר זיין די גאולה (מהר"ל) (און עס איז באוואוסט אז צדיקים האבן זוכה געווען צו גילוי אליהו אין די נאכט פון פסח)

נאך א טעם איז מרמז צו זיין אז די נאכט האט יעקב באקומען די ברכות פון זיין טאטע יצחק אבינו, און ווען עשיו איז אנגעקומען, איז יעקב אבינו געשטאנען הינטער די טיר, און אזוי האט איהם עשיו נישט באמערקט, דעריבער מאכן מיר א זכר צו דעם און מיר עפענן די טיר.. (הרה"ק ר' מענדל מרימנוב)

# הלל

**מען גיסט אן דעם פערטן כוס און מען זאגט הלל.**

- מען גיסט אן די כוס של אליהו הנביא
- מען עפענט אויף די טיר און מען זאגט שפוך חמתך מיט גרויס כוונה

**פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף דעם הלל?**

- ווייל מען צוטיילט דעם הלל, די ערשטע צוויי שטיקלעך זאגט מען פארן סעודה, און די איבריגע זאגט מען יעצט, און וויבאלד מען זאגט עס נישט אויף איינמאל, מאכט מען נישט א ברכה (לבוש).

**פארוואס צעטיילט מען דעם הלל, האלב פאר די סעודה צוזאמען מיט דער הגדה, און האלב נאך די סעודה ?**

ווייל די ערשטע צוויי קאפיטלעך רעדט זיך פון יציאת מצרים, געהערט דאס צו דער הגדה וואו מען דערציילט די ניסים פון יציאת מצרים. אבער די צווייטע העלפט פון הלל רעדט זיך פון אנדערע גאולות און פון די גאולה העתידה, אזוי אויך אין דעם סדר וואס מען זאגט נאך דער סעודה רעדט זיך פון דער גאולה העתידה, האט מען דעם חלק געשטעלט אויף נאך דער סעודה. (לבוש)

# נרצה

**ווער עס טוט די אלע זאכן, איז באוויליגט פארן אויבערשטן**

# לשנה הבאה בירושלים הבנויה

# תורות על הגדה של פסח

## הא לחמא עניא

שטעלן זיך די מפרשים פארוואס מען זאגט עס אין אראמיש לשון נישט אין לשון הקודש.?

נאר די גמרא זאגט אז א מענטש זאל נישט מתפלל זיין אויף אראמיש ווייל מלאכים פארשטייען נישט און קענען נישט ארויף טראגן די תפילות, חוץ נעבן א חולה ווי די שכינה איז מיט אים קען מען יא מתפלל זיין בלשון ארמי ווייל מען דארף נישט האבן די מלאכים זאלן ארויף טראגן די תפלות, און לויט דעם איז די זעלבע זאך פסח ביינאכט, ווייל עס שטייט אין זהר הקדוש אז דער אויבערשטער קומט אראפ פסח ביינאכט צו אידישע הייזער מוז מען דאך נישט האבן מלאכים וואס זאלן מעלה זיין די דיבורים ממילא קען מען זאגן אראמיש, ממילא איז פארענטפערט פארוואס מען האט מען מתקן געווען הא לחמא עניא אין אראמיש, ווייל ווען די שכינה איז דא קען מען זאגן אראמיש.

ערוגת הבושם - מהרי"ד מבעלזא

## השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל

לכאורה וואס פאר רא שייכות האט די ווערטער, צום אנפאנג שטיקל? נאר אין די צייטן ווען דער ביהמ"ק איז געשטאנען, האט מען פארשפארט די טירן בשעת'ן עסן דעם קרבן פסח, ווייל דער וואס איז נישט פון די גרופע, און האט זיך נישט צוזאם געציילט, קען ער נישט עסן פון'ם קרבן פסח, אבער אזוי ווי היינט האבן מיר ליידער נישט קיין קרבן פסח, עפענען מיר די טירן און מיר לאדענען איין יעדעם איינעם, דאס איז די שייכות פון'ם אויסלאז "השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל", ווייל מיר רופן דאס אויס נאר ווייל מיר האבן נישט דעם קרבן פסח.

מעשה ה'

## השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל

לכאורה וואס קומט דאס אריין אנפאנג סדר? נאר עס איז באוויסט א מצוה יעצט בזמן הגלות, ווען עס איז אזוי שווער צו זיין א איד, האט א ספעציעלע חשיבות, דער בעל הגדה האט געוואלט אז מען זאל מעורר זיין אלע מסובים אנצורעכטען דעם סדר מיט התלהבות, ממילא זאגט ער **השתא הכא** אז יעצט איז די לעצטע געלעגנהייט וואס מען קען נאך אריינכאפן די זמן ווען די מצוות זענען חשוב ווייל מיר זענען נאך דא, אבער **לשנה הבאה בארעא דישראל** וועט די מצוות שוין נישט האבן דעם ספעציעלע חשיבות ממילא זאל יעדער אריין כאפן וואס ער קען.

דברי יואל

## מוזגין לו כוס שני וכאן הבן שואל

שואל איז א לשון פון בעטן, דאס מיינט אז די אידישע קינדער וואס מיר זענען קינדער פון אויבערשטען, קענען בעטן פון אונזער טאטן אין הימל אלעס וואס מיר דארפן, און ער וועט אונז געבן.

בית אהרן

## ואילו לא הוציא "הקב"ה" את אבותינו ממצרים

דער בעל הגדה וויל דערמיט דערציילן ווי שטארק די אידן האבן מקבל געווען אויף זיך דעם עול הגלות אז נאר השי"ת האט אונז ארויסגעצויגן, און דערפאר האבן מיר געקענט ארויס גיין פון מצרים, אבער **אילו לא הוציא הקב"ה**, וואלטן מיר נישט אליין ארויסגעגאנגען אפילו מיר וואלטן געקענט אליין ארויסגיין, כאטש די מצריים זענען שוין געווען צוקלאפט נאך די צען מכות, און זיי האבן מורא געהאט פון די אידן, דאך וואלטן מיר זיך נישט גענומען אליין די גאולה, נאר מיר וואלטן ענדערש געבליבן **משועבדים לפרעה במצרים**, ווייל די גאולה טאר מען זיך נישט נעמען אליין פאר די צייט, וואס השי"ת וועט אונז אויסלייזן,

**דברי יואל**

## רבותינו הגיע זמן קריאת של שמע של שחרית

מען קען פארשטיין וואס דארט איז פארגעקומען, מיט א מעשה וואס עס האט פאסירט ביים צאנזער רב וואס האט איינמאל נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט אנגעגאסן דעם בעכער פאר קידוש האט ער זיך אנגעהויבן אונטער צוזינגען דעם ניגון גלות גלות פון הייליגן קאליווער רב, ער האט אזוי לאנג געזינגען ביז עס איז כמעט געווארן טאג, ווען ער האט זיך דערוועקט פון דעם דביקות און באמערקט אז עס איז געווארן אזוי שפעט האט ער געזאגט אז איך האב געמיינט אז עס האט נאר געדארט א מינוט, דאס איז אויך געווען דא ביי די תנאים אז פון גרויס דביקות האבן זיי נישט באמערקט אז די צייט לויפט זענען די תלמידים געקומען זאגן אז עס איז שוין צופרי,

**דברי יואל**

## אמר ר' אלעזר בן עזרי-ה

ווען רבי אלעזר בן עזרי' איז געבוירן געווארן, האט אים דער באשעפער געגעבן די נשמה פון שמואל הנביא, ווען שמואל הנביא איז נפטר געווארן איז ער אלט געווען 52 יאר, און ווען רבי אלעזר בן עזרי' איז געווארן נשיא איז ער אלט געווען 18 יאר 70 = 18+ 52 איבער דעם האט ער געזאגט "הרי אני כבן שבעים שנה". און שנה איז ר"ת נ'שמת ש'מואל ה'נביא,

**אריז"ל - מגלה עמוקות**

## ברוך שנתן תורה לעמו ישראל.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין וואס איז דאס אן הקדמה צו די ארבעה בנים?

נאר ס'שטייט אין אוה"ח הקדוש אז די יודן זענען געווען אין מצרים אין די מ"ט שערי טומאה און ווען זיי וואלטן ווען געבליבן דארט נאך איין רגע וואלטן זיי אריין אין די נו"ן שערי טומאה וואס פון דארט וואלטן זיי נישט געקענט ארויס גיין, זאגט אבער דער אוחה"ק אז דאס איז נאר געווען פאר קבלת התורה אבער יעצט ווען מיר האלטען שוין נאך קבלת התורה איז אפילו מיר זאלען ח"ו זיין אין די נו"ן שערי טומאה קען מען אויך ארויס גיין דערפון מיט'ן כח פון די תורה הקדושה, דאס איז פשט פון די הקדמה וואס מ'גייט רעדן פון פארשידענע קינדער זאגען מיר קודם א הודאה פאר'ן אויבערשטער אויף די תורה וואס ער האט אונז געגעבן ווייל דורך די תורה קען אפילו די ערגסטער רשע צוריק גיין צום גוטן וועג בעזהשי"ת.

**דברי יואל**

## ברוך המקום,

עס שטייט דא פיר מאל די ווארט ברוך, אקעגן די פיר מענטשען וואס דארפן לויבן און ברענגען א קרבן תודה פארן אייבירשטער א)ווער עס גייט דורך א מדבר ב) ווער עס איז דורך א ים ג) ווער עס איז באפרייט געווארן פון תפיסה ד) ווער עס איז אויסגעהיילט געווארן פון א קרענק. ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים איז געווען אלע פיר, זיי זענען דורך די מדבר, זיי זענען דורך די ים סוף, זיי זענען ארויס פון מצרים וואס איז אזוי ווי א תפיסה, און זיי זענען אפגעהיטן געווארן פון אלע קרענק וואס די מצרים געהאט.

(ר' יונתן אייבשיץ)

## חכם מה הוא אומר, רשע מה הוא אומר

פארוואס שטייט נישט "צדיק" מה הוא אומר וואס עפעס חכם?

נאר נעבען א רשע דארף מען זיין א חכם נישט צו ווערען מיט געכאפט מיט זיינע דרכים.

מהר"י ט"ב

## חכם מה הוא אומר, רשע מה הוא אומר

פון דעם רעדן פון א מענטש קען מען דערקענען צו ער איז אן ערליכער איד, אדער ער איז ח"ו א רשע, ווייל א ערליכער איד רעדט מיט איידלקייט און ער פאסט אויף אויף יעדעס ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל, אבער א רשע טוט פונקט פארקערט, דאס איז מרומז אין די ווערטער חכם "מה הוא" דער חכם וואס ער איז, "אומר" אזוי רעדט ער, מיט אפגעהיטנקייט, און ביים רשע איז פארקעט.

הרה"ק מריזון

## ואף אתה הקהה את שניו.

פארוואס זאל מען געבן פאר דעם רשע פונקט דעם שטראף פון "הקהה את שיניו"?

נאר ווייל דער רשע רעדט זאכן וואס מ'טאר נישט רעדן, דעריבער זאגט די הגדה "הקהה את שיניו" ווייל דער אויבערשטער האט באשאפן די ציין אז מ'זאל מיט זיי קענען פארשליסן דאס מויל און נישט רעדן וואס מ'דארף נישט, און דער רשע ניצט נישט די ציין צו פארשליסן דאס מויל, דעריבער "הקהה את שיניו".

זרע קודש

## ואף אתה הקהה את שניו.

פארוואס זאל מען געבן פאר דעם רשע פונקט דעם שטראף פון "הקהה את שיניו"?

נאר דער ענין איז, אז דער רשע טענה'ט אז מען קען דינען דעם באשעפער נאר מיט דאווענען און לערנען, אבער אז מען קען דינען דעם באשעפער אויך מיט עסן און טרינקען און אנדערע זאכן, - פון דעם האלט ער נישט. דערפאר פרעגט דער רשע: "מה העבודה הזאת לכם"? - צו וואס דארפט איהר די גאנצע עבודה פון עסן מצה, מרור און טרינקען וויין? דאס איז בכלל נישט אנגענומען ביי דעם אייבערשטן, זאגט דער בעל הגדה: "ואף אתה הקהה את שניו" - אויב ביי דיר איז נישט דא קיין עבודה פאר דעם באשעפער דורך עסן און טרינקן, דאן דארפסטו דאך נישט האבן קיין ציין!

עבודת ישראל

## ואף אתה הקהה את שניו.

פארוואס זאל מען געבן פאר דעם רשע פונקט דעם שטראף פון "הקהה את שיניו"?

נאר דער גאון ר' חיים יוסף דוד אזולאי (חיד"א) זי"ע, האט אמאל געהאלטן א פייערדיגע דרשה וועגן דעם איסור פון "גילוח הזקן", אז מען טאר זיך נישט אפגאלן די באָרד, און מען איז עובר אויף דעם פינף לאווין, האט זיך א בעל עבירה אנגערופן מיט חוצפה צום גאון "איך האלט אז מען דארף נישט לאזן וואקסן קיין באָרד און עס יא אפשערן, און מען קען גיין אזוי ווי מען איז געבוירן געווארן". האט זיך דער חיד"א אנגערופן, יעצט איז מיר שוין פארענטפערט געווארן פארוואס ווען מען ענטפערט פאר דעם רשע אין די הגדה, זאגט מען "הקהה את שיניו", פארוואס זאל מען דווקא אויסהאקן די ציין, נאר, ווייל די גאנצע טענה פון דעם רשע איז דאך "מה העבודה הזאת לכם", פארוואס דארף מען די גאנצע עבודה פון אידישקייט די באָרד, פיאות, וכו', עס איז גוט צו לאזן אלעס אזוי ווי מען איז געבוירן געווארן, דערפאר הקהה את שיניו, האק אים ארויס די ציין ער דארף עס נישט האבן, ווייל ער וויל דאך זיין אזוי ווי ער איז געבוירן געווארן, וואס דאס איז געווען אן ציין.

החיד"א

## ולפי שהוציא עצמו מן הכלל כפר בעיקר

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז דער חילוק צווישן דעם שאלת החכם און דער שאלות הרשע דער חכם זאגט דאך אויך אתכם?

דער תירוץ איז, ווייל ביים שאלת החכם שטייט "כי ישאלך" **בנך מחר** "לאמור" מה העדות וגו' אז דיין זון וועט דיך פרעגן זאלסטו אים ענטפערן, זעט מען פון זיין שאלה אז ער פרעגט א שאלה און ער ווארט אויף א תשובה אז מען זאל אים ענפערן, אבער דער רשע זאגט וואס ער האט צו זאגן, און ער ווארט נישט אפילו צו הערן א תשובה און א טעם, ער איז נישט אינטערעסירט צו וויסן דעם אמת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "כי יאמר אליכם **בניכם** מה העבודה הזאת וגו' אז דיין זון וועט דיר זאגן, און ער אנטלויפט ווייל ער וויל נישט וויסן דעם טעם, און איינער וואס פרעגט סתם קשיות, אן וועלן וויסן דעם תירוץ דאס הייסט א רשע.

מהרי"ד מבעלזא

## ולפי שהוציא עצמו מן הכלל כפר בעיקר

דער רשע פרעגט מה העבודה הזאת **לכם** אז ענקער עבודה איז גארנישט חשוב אין הימל און דער קדושת לוי זאגט אז ווען איינער זאגט אויף זיך אז זיין עבודה איז נישט חשוב איז עס "קרוב למינות" ווייל יעדער איד און וועלכע מצב ער געפינט זיך נאר איז זיין עבודה זייער חשוב, וועגן דעם זאגט מען אים אז וויבאלד ער איז נישט מחשיב די עבודה איז ער א "כופר בעיקר".

כ"ק אדמו"ר הגה"ק שליט"א

## אילו היה שם לא היה נגאל

לכאורה וואלט געווען אסאך בעסער און שארפער ווען מען זאגט אים אז ער וועט נישט אויסגעלייזט ווערן פון דעם יעצטיגן גלות?

נאר פון דא זעט מען א מורא׳דיגע זאך דאס וואס עס שטייט אין אור החיים הקדוש אז כאטש דער אר״י הקדוש זאגט אז אויב די אידן וואלטן געווען אין מצרים וואלטן זיי שוין אריינגעפאלן אין די נון שערי טומאה וואלטן זיי קיינמאל נישט געקענט אויסגעלייזט ווערן אבער היינט נאך קבלת התורה אפי׳ אויב מען פאלט אריין אין די נון שערי טומאה קען אויך ארויס גיין דורך דעם כח התורה. דאס זאגט מען פארן רשע אז ער איז כפר בעיקר ממילא איז ער שוין אריין געפאלן אין די נון שערי טומאה וועגן דעם **אילו היה ״שם״ לא היה נגאל** וואלט ער קיינמאל נישט געקענט אויסגעלייזט ווערן, אבער דא פון דעם יעצטיגן גלות וויבאלד מיר האבן שוין די תורה קען אפילו דער רשע תשובה טוען און אויסגעלייזט ווערן.

ברך משה

## אילו היה שם לא היה נגאל

דער חת״ם סופר זי״ע זאגט בדרך הלצה, מיר עסן דאך נישט ביז נאך דעם סדר, און מיר מאכן פארשידענע שינוים ביים סדר כדי די קינדער זאלן אויף זיין און רעדן וועגן יציאת מצרים, אבער דער רשע האט נישט קיין געדולד צו דערציילן אזוי לאנג יציאת מצרים ער וויל שוין עסן, וועגן דעם פרעגט ער **״מה העבודה הזאת לכם״** וואס דארף מען אזוי לאנג רעדן וועגן יציאת מצרים, אבער לאמיר שוין עסן. זאלסטו אים זאגען, **״בעבור זה עשה ה׳ לי בצאתי מצרים״** ווייל איך האב געהאט געדולד וועגן דעם בין איך ארויס פון מצרים, אין מצרים איז געווען די בני אפרים זיי האבן נישט געהאט קיין געדולד צו ווארטן ביז הקב״ה וועט זיי אויסלייזן - זענען זיי ארויס געגאנגען פאר די צייט, האבן די פלשתים זיי אלעמען אויסגע׳הרג׳עט, **״אלו היה שם לא היה נגאל״** ווייל ווען דו וואלסט דארטן געווען אין מצרים, און נישט געהאט קיין געדולד - וואלסטו דאך ארויס געגאנגען צוזאמען מיט די בני אפרים, ממילא וואלסטו זיכער נישט געווארן אויסגעלייזט.

חתם סופר

## והגדת לבנך ביום ההוא

דער פסוק מיינט צו זאגן אז ווען דו דערציילסט פאר דיין זון די ניסים פון יציאת מצרים זאלסטו אים אויך דערציילן **״ביום ההוא״** אז אין יענע נאכט ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים איז געווען אזוי ליכטיג ווי בייטאג.

אור החיים הק׳

## ושאינו יודע לשאול את פתח לו

מען קען טייטשען אזוי די ווערטער **״ושאינו יודע לשאול״** אז מיר אידן בעטן פון השי״ת אפילו מיר ווייסן נישט וואס צו בעטן און ווי אזוי מיר זאלן מתפלל זיין פאר דיר בעטן מיר דיך השי״ת את פתח לו דו עפען אויף אונזער הערצער אז מיר זאלן קענען פאר דיר מתפלל זיין.

הרה״ק מהר״י מבעלזא זצ״ל

## שאינו יודע לשאול את פתח לו,

מען קען זאגן פשט אין די ווערטער דורך א מעשה פון די הייליגע בעל שם טוב ווען ער איז געפארן אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און רויבערס האבן אים געפאנגען און ער האט פארלוירען אלע זיינע מדריגות און ער האט אלעס פארגעסען, האט זיין איידעם ר׳ צבי פארגעזאגט די א׳ ב׳ און די בעל שם טוב האט נאכגעזאגט, און ער האט עס געזאגט מיט גרויס כוונה און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן און ער האט זיך אלעס דעמאנט און ער איז ארויס פון די סכנה. דאס מיינט **״שאינו יודע**

לשאול" איינער וואס ווייסט נישט וויאזוי צו בעטן "א"ת פתח לו" מיט די א"ב פון א' ביז ת' פתח לו עפענט זיך אים א טיר צו בעטן.

(הגדה חיים ושלום)

## מתחילה עע"ז היו אבותינו.

דער בעל הגדה געבט א הדרכה און חיזוק פאר א איד וואס האט ליידער געזינדיגט און ער וויל חוזר זיין בתשובה, אבער דער יצר הרע רעדט אים אפ פון תשובה טוהן, און ער זאגט אים אז השי"ת וועט סיי ווי נישט מקבל זיין די תשובה, דעריבער זאגן מיר, **מתחלה עובדי ע"ז היו אבותינו**, און ע"ז איז דאך ל"ע די גרעסטע עבירה, און פונדעסטוועגן, **קרבנו המקום לעבודתו** האט אונז דער אויבערשטער דענענטערט אים צו דינען.

עבודת ישראל

## ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו

לכאורה איז שווער ס'וואלט ווען געדארפט שטיין ובמתן תורה **קרבנו המקום לעבודתו** ווייל דארט האט עס פאסירט?

נאר דער בעל הגדה וויל זאגן אז טאקע "יעצט" פסח ביינאכט קען מען ווערן מקורב צו השי"ת ווייל פסח האט דעם כח מקרב זיין אידן לעבודתו יתברך שמו.

הגדה דברי יואל

## ברוך שומר הבטחתו לישראל וגו'

לכאורה איז שווער, וואס פאר א לויב איז דאס פאר השי"ת אז ער האלט זיין הבטחה, דאס איז דאך נישט קיין שבח אפילו פאר א מענטש אויך נישט, ווייל א מענטש וואס האלט נישט זיין ווארט איז א ליגנער און קיינער וויל מיט אים נישט האנדלען?

נאר מען קען ענטפערן אז דער פשט איז אזוי, השי"ת האט געזאגט פאר אברהם אבינו, **ידוע תדע כי גר יהי זרעך בארץ לא להם**, (זאלסט וויסן אז פרעמדע וועלן דיינע קינדער זיין אין א לאנד וואס געהערט נישט צו זיי) אבער ער האט נישט געזאגט וועלכע קינדער, די בני יצחק אדער די בני ישמעאל, דעריבער דאנקן מיר דעם באשעפער **ברוך שומר הבטחתו** וואס ער האט איינגעהאלטן זיין הבטחה "לישראל", צו די בני יצחק.

יד חזקה

## שהקב"ה חשב את הקץ

עס קען זיין דא מרומז שהקב"ה דער אייבערשטער **חשב** האט אראפגערעכנט **את הקץ** דאס ווארט קץ וואס דאס איז בגימטרי' ,190 דאס מיינט אז 190 יאר האט דער אייבערשטער אראפגערעכנט פון די 400 יאר וואס מען האט געדארפט זיין אין מצרים, און מען איז נאר געווען 210 יאר

קדושת לוי

## והיא שעמדה,

אין דאס ווארט "והיא" איז מרומז די הייליגע תורה ווייל דאס אות **ו'** איז ששה סדרי משנה **ה'** חמשה חומשי תורה **י'** איז עשרת הדיברות **א'** דער הייליגער באשעפער (וואס איז אחד אלוקינו שבשמים ובארץ) **שעמדה לאבותינו ולנו** דאס העלפט אונזביישטיין אקעגן די רשעים

(אברבנאל)

## והיא שעמדה, והקב"ה מצילנו מידם

ווען השי"ת וויל ראטעווען זיין פאלק, טוט ער דאס אסאך מאל דורך איינעם פון די רשעים אליין, אזוי ווי מיר געפונען ביי משה רבינו, אז א חלק פון דעם נס איז

געווען דורך דעם וואס משה רבינו איז אויפגעוואקסן אין הויז פון פרעה, אזוי אויך געפונען מיר ביים נס פורים, אז דער נס איז צושטאנד געקומען דורך דעם וואס המן האט געגעבן די עצה פון הרג׳ענען ושתי.

דאס איז דער פשט, **והקב״ה מצילנו**, אז דער באשעפער איז אונז מציל פון די עצה פון די רשעים, **״מידם״** דורך די אייגענע הענט פון די רשעים.

גבול בנימין

## שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו

עס קען זיין א רמז **שלא** ״**אחד**״ בלבד נאר ווייל די אידן זענען נישט באחדות **עמד עלינו לכלותינו** האבן די גוים א כח צו טשעפענען די אידן

שפת אמת

## צא ולמד

עס איז א רמז אז אויב דו ווילסט לערנען ״**צא**״ מוזסטו קודם ארויס גיין פון אלע שלעכטע וועגן ״**ולמד**״ נאכדעם וועסטו קענען לערנען.

הרה״ק ר׳ אהרן מ׳קארלין זי״ע

## רבבה כצמח השדה נתתיך

די גמרא זאגט (סוטה י״א) אויף דעם פסוק (יחזקאל א׳ מ״ז) ״**רבבה כצמח השדה נתתיך**״ (צענדליגע טויזענטער אידן אזוי ווי די שפראצונגען פונעם ערד האב איך דיר געגעבן) זעהן מיר אז די אידן זענען צוגעגליכן צו די שפראצונג פונ׳ם פעלד,

ווייל די אידישע ווייבער האבן געהאט די קינדער אויפ׳ן פעלד. און ווען די מצריים האבן געזעהן די קינדער, האבן זיי געוואלט הרג׳ענען די קינדער, האט השי״ת געמאכט א נס אז זיי זענען געווארן איינגעזינקען אין דער ערד, און אפילו די מצריים האבן געברענגט אקסען און געאקערט אויף זיי זענען זיי אבער נישט געהרגעט געווארן, און ווען די מצריים זענען אוועק געגאנגען, האט דער אויבערשטער געמאכט אז די אידישע קינדער זענען ארויסגעוואקסן פון די ערד אזוי ווי גראז, דאס מיינט דער פסוק ״**רבבה כצמח השדה נתתיך**״.

דאס איז אויך דער פסוק מרמז ״**ותמלא הארץ אותם**״, אז ווייל זיי זענען געווארן איינגעשלינגען אין דער ערד, איז די ערד פיל געווארן מיט זיי, דאס ווארט **אותם** באטרעפט 447 אזוי ווי ״**צמח השדה**״, דאס מיינט דער פסוק ״**ותמלא הארץ אותם**״ אז די ערד איז פיל געווארן מיט די צמח השדה דאס מיינט מיט די קינדער וואס זיי זענען די שפראצונגען פון דער ערד.

חתם סופר

## לקחת לו גוי מקרב גוי

דער אויבערשטער האט גענומען א פאלק (די אידן) פון צווישן א אנדערע פאלק, לכאורה וואלט דער פסוק געדארפט זאגן נאר **גוי מגוי** וואס איז דער **מקרב גוי** ?

נאר עס קען זיין אז דער פסוק מיינט צו זאגן, אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים האט דער אויבערשטער ארויסגענומען אלע גויאישקייטן וואס האט זיך אריינגעכאפט אין די הערצער פון די אידן דורך זיין אזויפיל יארן צוזאמען מיט די מצרים, דאס זאגט מען ביי די הגדה השי״ת האט ארויס געצויגן ״**גוי**״ דאס מיינט די גוי׳אישקייט ״**מקרב גוי**״ פון די הארץ פון די אידישע פאלק.

דאס קען אויך זיין די כונה וואס מען זאגט **זכר ליציאת ״מצרים״**, לכאורה וואלט מען געדארפט זאגן זכר ליציאת ״ממצרים״ אז מען איז ארויס פון מצרים, יציאת

מצרים מיינט דאך אז די מצרים זענען ארויס, נאר וועגן דעם זאגט מען יציאת מצרים ווייל דער אויבערשטער האט ארויס גענומען די מצרים (דאס גוי'אישקייט) פון די אידישע הערצער.

דברי יואל

## רבי יוסי הגלילי אומר

פארוואס קריגן זיי זיך אלע, יעדער איינער זאגט אז ס'איז געווען מער מכות אין מצרים און ביים ים איז געווען נאך מער, לכאורה וואס איז אונז א נפקא מינה?

נאר עס שטייט אין פסוק "**כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך**" קומט אויס אז וואס מער מכות און קרענק עס זענען געווען אין מצרים אלס מער מכות און קרענק קען נישט זיין ביי די אידן, איבער דעם האט יעדער איינער פון די תנאים געזאגט אז ס'איז געווען נאך מער און מער מכות, כדי עס זאל נישט קענען זיין ביי די אידן.

גר"א בספר קול אליהו

## כמה מעלות טובות למקום עלינו

פארוואס שטייט "למקום" עס וואלט געדארפט שטיין "ממקום" ווייל די מעלות זענען טובות פון דעם אויבערשטן, און נישט צום אויבערשטן?

נאר דער אמת איז אז דער אויבערשטער האט אזא גרויס הנאה ווען ער טוט טובות פאר די יודן אז ער רעכענט דאס אזוי ווי עס איז א טובה פאר איהם אליין.

קדושת לוי

## אלו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו

עס איז שווער וואס וואלטן מיר געהאט פון גיין צום הר סיני אן קבלת התורה?

נאר חז"ל זאגן (שבת דף קמ"ו), אז ווען די אידן זענען צוגעקומען צום הר סיני זענען זיי אויסגעלייטערט געווארן פון אלע שלעכטע זאכן, און ווען א איד איז אויסגעלייטערט דעמאלס איז ער אליין משיג די מצות אזוי ווי אברהם אבינו, קען זיין אז דאס איז אונז מרמז דער בעל ההגדה, **אילו קרבנו לפני הר סיני** וואלט שוין גענוג געווען, ווייל מיר וואלטן שוין דארט משיג געווען די תורה אבער דאך האט השי"ת געגעבן די תורה אז אפי' אויב וועט מען פאלן פון די מדרגות און נישט אליין משיג זיין די תורה זאל מען אויך האבן די תורה.

קדושת לוי

## מצה זו שאנו אוכלים

ווער קען דען זאגן אז אין זיין מצה איז זיכער נישט דא קיין משהו חמץ, עס איז דאך זייער שווער אפצוהיטען? נאר מען דארף זיך פארלאזען אויף השי"ת, פונקט אזוי ווי ביי יציאת מצרים, ווען די אידען זענען ארויס מיט די טייג אויף די פלייצעס, און דעמאלס האט השי"ת זיי אנגעהיטען, אזוי אויך וועט אונז השי"ת אפהיטען פון דעם איסור פון חמץ,

און דאס איז פשט "**מצה זו שאנו אוכלין על שום מה**" דאס איז א לשון שאלה, ווי אזוי קענען מיר עסן די מצה רוהיג אז ס'איז נישט חמץ געווארען? איז דער תירוץ "**שלא הספיק בציקם של אבותינו להחמיץ וכו'**, אז די אויבערשטער האט אפגעהיטן זייער טייג פון ווערן חמץ, ממילא וועט השי"ת אויך אונז אפהיטען.

מאור שמש

## ברוך אתה ה׳ גאל ישראל

פארוואס זאגט מען גאל ישראל, וואס עס מיינט אז ער האט שוין אויסגעלייזט, מען איז דאך נאך יעצט אין גלות?

מ׳קען דאס מסביר זיין מיט א משל צו א קינד וואס האט געזעהן א שיינע זיסע עפל ביי זיין טאטען און ער האט זייער געגליסט דאס צו האבן אבער ער האט געוואוסט אז זיין טאטע וויל אים דאס נישט געבן, וואס האט ער געטון ער האט שנעל געמאכט הויך א ברכה בורא פרי העץ, האט זיין טאטע שוין נישט געהאט קיין ברירה, ווייל ער האט נישט געוואלט אז זיין זון זאל מאכן א ברכה לבטלה, און ער האט אים געמוזט געבן דאס עפל.

די זעלבע זאך טוען מיר, מיר ווילן זייער שטארק אז דער אויבערשטער זאל אונז שוין אויסלייזן, און נאכדערצו פסח אויפדערנאכט וואס איז ספעציעל מסוגל עס זאל שוין זיין די אמתע גאולה, מאכען מיר א ברכה הויך און ערליך ״גאל ישראל״ דאס טייטשט אז דער באשעפער לייזט אויס די יודען, און מיר האפן אז דער באשעפער וועט נישט וועלן אז די ברכה זאל זיין א ברכה לבטלה, וועט דער באשעפער אונז שנעל אויסלייזן.

הגה״צ מווייצען זי״ע בשם הקדושת לוי

# שביעי של פסח / אחרון של פסח

## ופרעה הקריב וגו׳. דבר אל בני ישראל ויסעו:

ווען די אידן האבן געזעהן מיט וואס פאר א מסירת נפש פרעה וויל זיי שלעכטס טוהן אז ער האט אליין איינגעשפאנט זיין פערד און וואגן און געגאנגען דער ערשטער, כדי צו שלאגן די אידן, האבן די אידן געבעטן פונעם אייבערשטן, זיי זאלן אויך האבן אזא מסירת נפש וואס זאל קענעןביישטיין אקעגן די רשעים. האט זיי דער אייבערשטער געענטפערט ״דבר אל בני ישראל ויסעו״ זאג פאר די אידן אז מיט דעם וואס זיי וועלן אנהייבן צו גיין אין די וואסער, וועלן זיי ארויס ווייזן דאס גרעסטע מסירת נפש, און דורך מסירת נפש וועלן זיי קענען באזיגן די רשעים.

(קדושת לוי)

## וישב הים לפנות בקר לאיתנו

עס איז אמאהל געווען א ״פילוסוף״ וואס האט זיך געלערנט די ״חכמת הטבע״ און ער האט געוואלט קומען צום הייליגען בעל שם טוב הק׳ און זאגן אז ער האט חוקר געווען אינעם חכמה פון די טבע, און ער האט געטראפען אז אין די צייט ווען די ים סוף האט זיך געשפאלטן, האט דאס גאדארפט געשען ״על פי דרך הטבע״, אויב אזוי וואס איז געווען דער גרויסער נס?

און נאך איידער ער איז אנגעקומען צום הייליגען בעל שם, איז דער צדיק געגאנגען אין שוהל, און געהייסען אז מען זאל צוזאמען רופען די גאנצע שטאט, און ער האט אנגעהויבען דרש׳נן, עס זענען דא אזעלכע נארישע מענטשן, וואס פארשטייען נישט וואס עס איז געווען די נס פון קריאת ים סוף, און זיי זאגן אז עס איז נאר געווען א ״טבע״, ווייסן זיי

דען נישט אז דער הייליגער באשעפער האט באשאפען די "טבע", אזוי ווי חז"ל דרש'נן אויף דער פסוק "**וישב הים לפנות בקר לאיתנו**", אז דער אייבערשטער האט שוין ביי **בריאת העולם** אריינגעלייגט אינעם טבע פון דער בריאה, אז אינעם מינוט וואס די אידן וועלן אריבער גיין דעם ים סוף, זאל זיך דער ים שפאלטן, אויב אזוי איז דאך דער "טבע" דער גרעסטער "נס".

(בעל שם טוב)

## הים ראה וינוס. - מה ראה, ישראל באים ורכוש מצרים בידם

עס קען זיין פשט אין מדרש, ווייל לכאורה וואלט דער ים זיך נישט געדארפט שפאלטן וואס דורכדעם זענען די מצריים דערטראנקען געווארן, ווייל מיר פסק'נן דאך "**אין אדם מת ומשלם**" אז עס קומט נישט פאר איין מענטש צוויי עונשים, סיי באצאלן און סיי מיתה. און וויבאלד די מצריים האבן שוין באצאלט מיט זייער פארמעגן קומט זיי דאך שוין נישט קיין מיתה. נאר דערפאר האט השי"ת געהייסן "**וישאלו**" מען זאל נאר בארגן פון זיי דאס פארמעגן, האבן זיי דאך נאך גארנישט באצאלט, ממילא קען זיי נאך קומען מיתה.

דאס איז פשט אין מדרש, **מה ראה**, פארוואס האט ער געזעהן זיך צושפאלטן, מיר זאגן דאך "אין אדם מת ומשלם". איז דער תירוץ, ער האט געזען **ישראל באים ורכוש "מצרים" בידם** דער רכוש געהערט נאך פאר די "מצרים", זיי האבן נאך גארנישט באצאלט פאר די אידן, די אידן האבן דאס נאר געבארגט, זענען זיי דאך נאך גארנישט געשטראפט געווארן. דערפאר "**וינוס**" האט ער זיך געשפאלטן, צו קענען דערנאך דערטרינקען די מצריים. און נאכדעם ווי די מצריים זענען שוין דערטראנקען געווארן, האבן די אידן זוכה געווען אינעם פארמעגן פון הפקר.

(דברי יואל דף קי"א)

## הים ראה וינוס. - מה ראה, ארונו של יוסף ראה

מען דארף פארשטיין דעם מדרש, פארוואס האט זיך דער ים געשפאלטן נאר צוליב די ארון פון יוסף הצדיק? נאר די ים האט געזאגט אז זי דארף זיך נישט שפאלטן פאר קיין שום מענטש ווייל זי איז פריער באשאפן געווארן פון די מענטשן, ווייל די וואסער איז באשאפן געווארן דעם צווייטען טאג, און דער מענטש דעם זעקסטן טאג.

אבער ווען די ים האט געזעהן דעם ארון פון יוסף האט זי זיך דערמאנט אז ווען יעקב אבינו און זיין משפחה זענען געגאנגען אנטקעגן עשו האט יעקב געשטעלט רחל און יוסף צום לעצט ווייל "**אחרון אחרון חביב**" דער וואס איז די מערסטע באליבט דעם שטעלט מען צום לעצטן, ממילא וויבאלד די מענטשן זענען צום לעצטענס באשאפן געווארן איז דאך א סימן אז זיי זענען מער באליבט ביים אויבערשטן ווי די וואסער, דעריבער האט זיך דאס וואסער דעמאלטס געשפאלטן.

(ילקוט הגרשוני)

# חול המועד

א) נאך די ערשטע צוויי טעג יום טוב, איז דא פיר טעג חול המועד.

ב) חול המועד טאר מען נישט קיין שום ארבעט, נאר אזא זאך וואס מען דארף האבען פאר חול המועד אדער יום טוב, אדער אזא זאך וואס אויב ער וועט דאס נישט טוהן יעצט וועט ער האבען שאדן, (פארלירען געלט).

ג) חול המועד טאר מען נישט וואשן וועש, אפשערן די האר און שניידן די נעגל.

ד) מען דאווענט חול המועד די דאווענען וואס מען דאווענט אין דער וואכן - מען זאגט נישט "מזמור לתודה" (פאר יהי כבוד) מען זאגט האלב הלל. מען ליינט אין די תורה און מען דאווענט מוסף.

ה) פון חול המועד און ווייטער זאגט מען ביי שמונה עשרה ביי די ברכה פון ברך עלינו "ותן ברכה".

ו) חול המועד גריסט מען איינער דעם אנדערען "א גוטען מועד"

ז) עס שטייט אין חז"ל לא ניתנו מועדים לישראל אלא לעסוק בהם בתורה, אז השי"ת האט נישט געגעבן די ימים טובים פאר די יודן נאר כדי עוסק צו זיין און די תורה, וועגן דעם דארף מען שטארק אכטונג געבן יעדן טאג צו לערנען פלייסיג, אז עס זאל ח"ו נישט אריבער גיין איין טאג אן תורה ח"ו,

# שביעי של פסח

א) דאס איז דער טאג ווען דער אייבישטער האט געטאן אין אים דעם גרויסן נס, און געשפאלטן דעם ים און די אידן זענען אריבער אין טריקעניש, און אלע מצריים וואס זענען נאכגעלאפן די אידן זענען דערטראנקען געווארן, דעמאלס האבן אידישע קינדער געלויבט השי"ת און געזינגען די גרויסע שירה פון אז ישיר, אויך מרים הנביאה האט צוזאמענגענומען אלע פרויען און זיי האבן אויך געזינגען מיט פויקן די גאנצע שירה.

ב) מען זאגט נישט קיין "שהחיינו" נישט ביי קידוש און נישט ביי ליכט צינדן, ווייל גאנץ פסח איז איין גרויסע יו"ט.

ג) ביי שחרית זאגט מען נאר האלב הלל, ד.מ. מען לאזט אוים לא לנו און אהבתי.

ד) מען לייענט די פרשה "ויהי בשלח" דארט ווי עס שטייט די שירה פון "אז ישיר", מען פירט זיך אז גאנץ קהל שטעלט זיך אויף ווען מען ליינט שירת אז ישיר. און מען ליינט ביז חמישי "כי אני ה' רופאיך", און מען זאגט חצי קדיש, און מ'ליינט מפטיר.

ה) די כהנים דוכנ'ען ביי די הויכע שמו"ע פון מוסף.

ו) מען פירט זיך אז מען קומט זיך צוזאם אין בית המדרש שביעי של פסח ביינאכט, און מען זינגט די שירה וואס אידישע קינדער האבן געזינגען ביים נס פון קריעת ים סוף, אויך זינגט מען נאך ניגונים וואס זענען שייך צום נס פון קריעת ים סוף.

ז) אין דעם טאג שביעי של פסח שפירט זיך די שמחה פונעם יום טוב מער פון אלע טעג, און מען דארף זיך מער פרייען לויבן און דאנקן השי"ת אויף די אלע ניסים בכלל און אויפן נס פון קריעת ים סוף בפרט.

ח) אויף א טייל פלעצער פירט מען זיך אז די קהל'ס לייט ווערן באשטימט אין שביעי של פסח אדער חול המועד (בני יששכר).

# אחרון של פסח

א) אחרון של פסח מיינט דער לעצטער טאג פון פסח. די חכמים ז"ל האבן צוגעלייגט צום יום טוב פסח נאך א טאג אזוי ווי יעדער יום טוב איז צוויי טעג, דער טאג איז דער צוויי און צוואנציגסטער טאג אין ניסן.

ב) לויט די הלכה, ווען די מצות איז שוין אפגעבאקען קען עס שוין נישט ווערן חמץ'דיג, מיר זענען אבער חושש אז אפשר איז געבליבן א טראפ מעל אין די מצה וואס האט זיך נישט גוט אויסגעמישט אין די טייג, און אויב מ'וועט אריין לייגען די מצה אין וואסער, קען די מעהל ווערן חמץ, און אפילו ס'איז טאקע נאר א טראפ, אבער חמץ איז דאך אסור במשהו, דערפאר פירן מיר זיך אז מ'עסט נישט קיין געבראקס.

ג) אחרון של פסח, פירן מיר זיך אז מ'עסט יא געבראקס, דאס מיינט אז מ'קען איינטינקען די מצה אין זופ, וואס גאנץ יום טוב פירט מען זיך דאס נישט צו טאן. ווייל אחרון של פסח איז דאך נישט מן התורה, און געבראקס איז דאך נאר א חומרא, ממילא איז מען דערין מיקל אחרון של פסח.

ד) דער הייליגער בני יששכר אין ספר דרך פיקודיך שרייבט, אז די אלע זאכן וואס מ'עסט נישט פסח אלץ "חומרא" זאל מען מיקל זיין אחרון של פסח, ווייל טאמער נישט, ווייזט מען אז דאס איז חמץ, און דער באשעפער וויל נישט מען זאל זאגן אויף זאכן וואס איז נישט קיין חמץ, אז עס איז חמץ.

ה) די אלע חומרות וואס מען פירט זיך גאנץ יום טוב פירט מען זיך טאקע נישט אום לעצטן טאג, אבער א זאך וואס האט דאס מינדעסטע חשש פון חמץ טאר מען נישט האבן און א וודאי נישט עסן אחרון של פסח אויך נישט.

ו) אויך איז א מנהג צו עסן קניידלעך פון מצה מעהל. פון יוד הקדוש זאגט מען נאך, אז דעריבער עסן מיר קניידלעך אחרון של פסח, א זכר צו דעם וואס ס'שטייט ביי קריעת ים סוף נצבו כמו נד. דאס זעלבע שטייט כונס "כנד" מי הים.

ז) אויך מישט מען זיך שוין איינער מיטן אנדערן, וואס דאס טוט מען אויך נישט גאנץ יום טוב.

ח) עס איז א מנהג אז סוף טאג פון אחרון של פסח קומט מען זיך צוזאם אין בית המדרש און מען באגלייט דעם יום טוב מיט לויב און געזאנג פאר השי"ת, און מען ווינטשט זיך אן לשנה הבאה בירושלים.

ט) עס איז געווען צדיקים ערליבע אידן וואס פלעגן זיך צו פירן אז אחרון של פסח האבן זיי זיך געוואשן צו א סעודה אזוי ווי שבת צוליב די גרויסע ליבשאפט און בענקעניש צו די חשוב'ע מצות מצה וואס אט גייט דער יום טוב פאריבער און מען וועט שוין נישט האבן מער די חשוב'ע מצוה.

י) מען זאגט נאך אויף רבי ר' מענדעלע מ'רימאנוב זי"ע, אז אחרון של פסח האט ער ביי די סעודה אויפגעגעסן 26 מצות, דאס איז אוממעגליך לויטן מענטשליכן באגריף צו פארנעמען, נאר מיטן ברען און חביבות פון די הייליגע מצה.

# סיפורי צדיקים

## דער טייטש פון קדש

עס האט איינמאל פאסירט א מעשה ביים הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, אז זיין אייניקעל האט נאכגעזאגט די טייטש פון "קדש", און ער האט נישט אויסגעפירט צו זאגן "כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן", נאר ער האט געזאגט אין קורצן: "ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל מאכט ער גלייך קידוש". צומארגענס האט דער שפאלער זיידע געפרעגט פון דעם מלמד פארוואס ער האט פארענדערט פון דעם טייטש וואס מען זאגט מיט די קינדער אלע דורות? האט דער מלמד געענטפערט אז ער האט געטראכט אז פאר קליינע קינדער איז עס נישט אזוי וויכטיג אז מען זאל אזוי מאריך זיין.

האט זיך דער שפאלער זיידע אנגערופן: א יעדע זאך וואס ווערט איינגעפירט אין די מסורה פון כלל ישראל האט אין זיך טיפערע כוונות, און אויב כלל ישראל פירט זיך אז די קינדער זאגן אזוי, זאלסטו וואוסן אז אפילו אין די אידישע טייטש איז אויך באהאלטן טיפערע כוונות. און אזוי איז דער כוונה פון די טייטש פון "קדש": ווען דער גרויסער טאטע - וואס מיינט דער אויבערשטער דער אב הרחמן - קומט אהיים פון שוהל פסח ביינאכט, און ער זעהט ווי די אויסגעמוטשעטע אידן וואס האבן אזוי שווער געארבעט פאר פסח צו קענען אויסרוימען די חמץ, און האבן אזוי שווער געארבעט צו באקען די מצות, און היינט ביינאכט האבן זיי געזאגט "הלל" מיט אזא גרויסע התלהבות און שמחה, און זיי האבן געלויבט דעם אייבערשטען פאר אלע ניסים וואס ער האט געמאכט, זאל ער שנעל מאכן קידוש, וואס מיינט אז ער זאל מקדש זיין די אידן מיט א נייע קידושין, און אונז אויסלייזן פון גלות, כדי די קליינע קינדער פונעם אידישן פאלק זאלן נישט איינשלאפען און פארפאלען ווערן און פארזינקען ווערן אין דעם גלות חס ושלום, און זיי זאלן פרעגן די קשיות פון מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, וואס איז פארענדערט די יעצטיגע גלות פון אלע גלות'ן וואס האבן נישט געדויערט אזוי לאנג, און די יעצטיגע גלות איז אזא לאנגע ביטערע גלות

# ונצעק אל ה׳

עס איז אמאל געווען א יוד וועלכער האט געוואוינט אין א דארף נעבן דער שטאט אפטא, און ער האט דארט געהאט א קרעטשמע וואס האט געהערט פאר א פריץ א גרויסער רשע, איינמאהל האט זיך געמאכט אז דער יוד האט נישט געהאט גענוג געלד צו באצאהלן דעם פריץ, וואס ער האט פארלאנגט, דער פריץ האט אים געווארענט אז אויב דער יוד וועט נישט באצאהלן דאס גאנצע געלד ביז צו די באשטימטע צייט, וועט ער אריינווארפן אין תפיסה אים מיט זיין גאנצע משפחה,

דער יוד איז געווארן זייער צובראכן, און ער האט נישט געוואוסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, ער האט דאך נישט געהאט קיין געלד, ובפרט נאך אזוי פיל געלד ווי דער פריץ דער רשע האט פארלאנגט,

ביז דער יוד האט אנגעטראפן א גוטן חבר, און דער חבר האט אויסגעהערט זיין פראבלעם, און האט אים געגעבן אן עצה, און געזאגט אז אזוי ווי נישט ווייט פון דא וואוינט דער הייליגער אפטער רב, (דער הייליגע אוהב ישראל) פאר אריבער צום גרויסן און הייליגן צדיק, און רעדט אויס דיין ביטער הארץ פאר׳ן צדיק, און דער הייליגער צדיק וועט זיכער אוים פועל׳ן פאר דיר א ישועה.

דער צובראכענער יוד האט אויסגעהערט זיין חבר, און ער האט מחליט געווען אז ער וועט פאלגען, און ער האט זיך תיכף געזעגענט פון זיין גאנצע משפחה, און זיך ארויס געלאזט אויף׳ן וועג צו פאהרען צום הייליגען צדיק דער אפטער רב, ווען דער יוד איז אנגעקומען צום הייליגען צדיק איז פונקט געווען ערב שבת הגדול, האט ער געטראכט ביי זיך אז ער וויל נישט שטערן דעם הייליגען צדיק  פאר שבת, ער וועט אריין גיין צום צדיק מוצאי שבת,

און ער איז אריין געגאנגען אין ביהמ״ד, זיך אנגרייטען צום הייליגען שבת, אזוי ווי דער יוד איז געווען א דארפסמאן, האט ער ליידער נישט געקענט לערנען, האט ער גענומען א תהלים און ערליך געבעטען דעם באשעפער, אז אין זכות פון דעם הייליגען צדיק זאל ער געהאלפען ווערן פון זיין צרה, און ער האט מיטגעהאלטן אלע תפלות גאנץ שבת מיט דעם הייליגען צדיק,

דער הייליגער אפטער רב האט זיך געפירט ווי עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך, אז שבת הגדול זאגט דער רב א דרשה, איז דער יוד אויך געגאנגען הערן די דרשה, ווי אלע יודן פון שטאט, כאטש ער האט געוואוסט אז ער איז נישט קיין תלמיד חכם און ער וועט נישט פארשטיין וואס דער הייליגער צדיק רעדט, דאך האט ער געטראכט אפשר וועל איך יא עפעס קענען פארשטיין, און ער האט אויסגעהערט יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון דעם מויל פון צדיק,

אינמיטן דרשה, האט דער יוד געהערט ווי דער צדיק זאגט אז, די יודען אין מצרים, ווען זיי זענען געווען אינמיטן פון זייערע ביטערע צרות, האבן זיי נישט געוואוסט וואס מ׳קען טוהן פטור צו ווערן פון די צרות, האבן זיי געדאווענט און געשריגען צום הייליגען באשעפער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו, און דער הייליגער

באשעפער האט צו געהערט צו זייער געשריי, און ער האט געשיקט משה רבינו העלפן די יודן פון זייערע צרות.

ווי נאר דער יוד האט געהערט די ווערטער פון דעם הייליגן צדיק, האט ער באלד פארשטאנען אז דער רבי האט אים געמיינט, אז ער זאל אויך טוהן אזוי ווי די יודן אין מצרים האבען געטוהן און שרייען צום הייליגען באשעפער, וועט דער באשעפער אים אויך העלפען פון זיינע צרות, אזוי ווי ער האט געהאלפן די יודן אין מצרים.

דער יוד איז געווארן מלא שמחה, און ער האט זיך מיישב געווען אז ער דארף שוין נישט אריין גיין צום צדיק, ווייל ער האט שוין פארשטאנען וואס ער האט צו טוהן, און גלייך מוצאי שבת, האט ער זיך צאם געפאקט זיינע פעקלעך און אהיים געפארען פול מיט שמחה, ווייל ער וועט שוין ווערן געהאלפען וויבאלד ער וועט דאווענען און שרייען צום הייליגען באשעפער, אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט.

וויבאלד דער יוד איז אהיים געקומען האט דער גאנצע משפחה באמערקט אז ער איז זייער בשמחה, האבן זיי אים געזאגט מיר דערקענען אויף דיין פנים אז דער הייליגער צדיק האט דיר געגעבען דאס גאנצע געלד וואס מיר דארפ׳ן געבן פאר׳ן פריץ, ווייל דו ביסט אזוי פריילעך,

ניין! האט דער יוד געזאגט פאר זיין משפחה, די געלד האב איך נאך נישט, אבער די עצה וויאזוי מ׳קען געהאלפן ווערן פון אלע צרות האב איך געהערט פון דעם הייליגען צדיק, דער צדיק האט געזאגט אז אויב א יוד האט א צרה, און ער דארף א ישועה, זאל ער טוהן וואס די יודן אין מצרים האבן געטוהן, זיי האבן געדאווענט און געשריגען צום הייליגען באשעפער, און דער באשעפער איז מקבל די געוויין און געשריי פון די יודישע קינדער, און ער העלפט זיי אין זייערע צרות, אזוי ווי ער האט געהאלפן די יודען אין מצרים,

ממילא, האט דער יוד געזאגט פאר זיין משפחה, עס וועט באלד זיין יו״ט פסח, און ביים הייליגען סדר, ווען מיר וועלן אנקומען אין די הגדה צו די ווערטער ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו וועלן מיר אויך שרייען צום הייליגען באשעפער אזוי ווי די יודען אין מצרים האבן געטוהן און דער הייליגער באשעפער וועט אויף אונז אויך רחמנות האבן, און ער וועט אונז ארויס נעמען פון אונזער צרה.

פסח אויף דערנאכט, די גאנצע משפחה זיצט ביים טיש, און מ׳זאגט די הגדה ערליך, ווען מ׳איז אנגעקומען צו די ווערטער ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו האט די גאנצע משפחה זיך גענומען שרייען מיט גרויסע קולות, צום הייליגען באשעפער אז ער זאל זיי העלפען פון זייערע צרה,

פלוצלינג הערט מען א קלאפ אין טיר, מאכט אויף! שרייט איינער, האט רחמנות!, ווי נאר מ׳האט געפענט די טיר האט מען געזעהן ווי עס שטייט דארט דער שכן דער גוי איוואן, צוקלאפט, צוביילט און צובלוטיגט פון קאפ ביז פיס, און ער וויינט און בעט זיך לאזט מיך אריין, האטס אויף מיר רחמנות, ווען מען האט אים אריין געלאזט אין שטוב האט ער דערציילט אז ער האט זיך צושלאגען מיט זיין זון, און זיין זון האט אים ביטער צושלאגן און כמעט געהרג׳ט, און דערנאך ארויס געווארפן פון שטוב, דער יוד האט אים

אנגעוויזן א שטוב ווי ער קען זיך אראפלייגען און צוריק קומען צו די כוחות,

פאר דעם ווי דער גוי איוואן האט זיך אראפגעלייגט האט ער גערופן דעם יוד אין א זייט און האט אים געזאגט , איך וויל מיט דיר רעדן אפאר ווערטער, איך פיל, זאגט איוואן, אז איך וועל נישט איבער לעבן די געהרג'טע קלעפ וואס מיין זון האט מיר געגעבן, איך וועל דיר יעצט מגלה זיין א סוד, איך האב אסאך געלט און איך וויל נישט אז מיין זון דער רוצח וואס האט מיך צובילט און ארויס געווארפן פון שטוב זאל ירש'ן דאס גאנצע געלט נאך דעם וואס איך וועל שטארבען, וועגען דעם קום יעצט מיט מיר ארויס אין וואלד, וועל איך דיר ווייזען וואו איך האב באהאלטן מיין גאנץ פארמעגן, דאס וויל איך דיר געבן א מתנה ווייל דו האסט אויף מיר רחמנות געהאט.

ביז אפאר טעג איז באוואוסט געווארן אין די גאנצע דארף אז איוואן דער גוי איז געשטארבן, איז דער יוד געגאנגען אין וואלד און ארויסגענומען דאס גאנצע פארמעגן אזוי ווי איוואן האט אים געזאגט, און אויסער דעם וואס ער האט געקענט פון די געלט אויסצאלן פאר דעם פריץ די גאנצע חוב, איז ער געווארן א גרויסער עושר און געקענט שיקן זיינע קינדער אין די בעסטע ישיבות און זיי געקענט חתונה מאכן אויף דעם שענסטען אופן,

דאס אלעס האט פאסירט אין זכות וואס ער האט אזוי שטארק געגלויבט אין די ווערטער פון הייליגען צדיק דער אפטער רב.

## 9 טעג פסח

עס איז חול המועד פסח, און דער נודע ביהודא זיצט ביי זיך אין זיין ספרים שטוב. פלוצלינג הערט ער א קלאפ אין טיר. ווען ער איז צוגעגאנגען האט ער געזעהן ווי עס שטייט פאר איהם א גרויסער גוי. דער גוי האט איהם געזאגט: "ביטע לאז מיר אריין. איך דארף דיר איבערגעבן זייער א וויכטיגע זאך".

אזוי ווי דער גוי איז אריין, האט ער אנגעהויבן דערציילן: "דו דערקענסט מיר מן הסתם נישט. איך בין דער גוי וואס דו האסט מיט יאהרן צוריק געראטעוועט פון די רציחות'דיגע הענט פון מיין פעטער. דו האסט מיר געגעבן די געלט וואס איך האב פארלוירן. יעצט בין איך געקומען אפצאלן פאר די טובה. איר זאלט וויסן אז מיין פעטער גרייט זיך יעצט אויסצו'הרג'נען אלן יודן פון די שטאט פראג. א טאג נאך פסח קויפן דאך אלע יודן ברויט פון א גוי. אזוי ווי מיין פעטער איז דער בעקער פון דעם שטאט, פלאנירט ער אריינצולייגן סם אין אלע ברויט. אזוי וועט ער אויס'הרג'ענען די גאנצע שטאט פראג אין איין טאג. דער נודע ביהודא האט איהם זייער שטארק באדאנקט, און דער גוי איז אהיימגעגאנגען.

* * *

עס איז אחרון של פסח, און אין דעם גרויסן שוהל פון פראג האט מען שוין געענדיגט דאווענען. דער גבאי האט געגעבן א קלאפ אויפן בימה און געזאגט: "דער רב האט געהייסן אויסרופן אז היינט נאכמיטאג גייט זיין זייער א וויכטיגע דרשה, און קיינער זאל נישט פעלן".

נאכמיטאג איז דער שוהל געווען פיל. יעדער האט זיך שוין זייער שטארק געוואונדערט וואס דער רב גייט זאגן. דער רב איז ארויף און אנגעהויבן רעדן: "רבותי, עס איז געשעהן זייער א גרויסע טעות ווען איך האב מסדר געווען דעם לוח פון דעם יאהר. איך האב באמערקט אז איך האב מיך פארעכענט. פסח האט זיך באמת געדארפט אנהייבן א טאג שפעטער. יעצט איז שביעי של פסח, און מארגן איז אחרון של פסח. יעדער זאל מארגן קומען אין שוהל, און חס ושלום נישט איינקויפן קיין חמץ ביז מארגן אווענט.

דער נעקסטער טאג, שטייען שוין אלע ווענעלעך מיט ברויט אין דער גרויסע גאס פון פראג. ווי ערשטוינט איז דער רשע, דער בעקער געווען, ווי קיינער קויפט נישט קיין ברויט. אלע יודן זענען אנגעטוהן מיט יום טוב קליידער און זיי גייען אין שוהל.

מען ווארט אז דער רב זאל אריינקומען, כדי אז מען זאל קענען אנהייבן דאווענען. עס גייט אדורך א שעה, אבער דער רב איז נאך אלץ נישט דא. "קוק ארויס" רופט זיך אהן איינער צום צווייטן. אינדרויסן זעהט מען ווי דער רב שטייט, און ער רעדט צו די פאליציי. אויך האבן זיי געזעהן ווי מען קייטעלט איין דער בעקער און מען פירט איהם אוועק.

וואס האט דא פאסירט? האבן זיי זיך געוואונדערט. א ווייל שפעטער איז דער רב אריינגעקומען און פארציילט דער גאנצע מעשה, און ער האט זיי געזאגט אז היינט איז באמת נישט פסח. און דער טעם פארוואס ער האט נישט געוואלט פריער דערציילן וואס דא איז געשען, איז כדי צו זיין פארזיכערט אז דער רשע זאל האבן א ביטערן סוף. היינט אינדעפרי האבן די פאליציי אוסגעפריווט און געגעבן א הינט צו עסן איין ברויט, און דער הינט איז אויפן ארט געשטארבן, און מען האט ארעסטירט דעם רשע דער בעקער. אזוי זענען אלע יודן געראטעווט געווארן, כן יאבדו כל אויבך ה'.

## ריכטיג מקיים זיין "ביעור חמץ"

דער זיידע פון הייליגן חוזה פון לובלין (זיין מאמעס טאטע) רבי קאפל זי"ע וואס האט געוואוינט אין דארף "ליקעווע" איז געווען א סוחר פון וויין און ברוינפן כאטשער איז געווען א גרויסער צדיק האט ער זיך אליינס געפלאגט אויף פרנסה כדי נישט צו דארפן צוקומען צו קיין נדבות פון אנדערע

יעדן ערב פסח פלעגט ר' קאפל רופן א גוי און אים פארקויפן אלע פעסער ברוינפן וואס ער האט געהאט און נאך יו"ט האט ער עס צוריק אפגעקויפט.

און ווייטער געהאנדלט דערמיט איין יאר האבן זיך די גוים אין דארף אפגעשמועסט אז קיינער וועט נישט אפקויפן דעם ברוינפן פון ר' קאפל במילא וועט ער מוזן מפקיר זיין די ברוינפן כדי נישט צו האבן אינעם יו"ט פסח קיין חמץ ח"ו אין זיין רשות אזוי ארום וועלן זיי זיך קענען טיילן מיט די פעסער ברוינפן.

יענעם יאר האט ר' קאפל טאקע זייער פיל ברוינפן אינעם ווערד פון א גרויסן מארמעגן וואס ער געהאפט פון דעם צו האבן גענוג געלט חתונה צו מאכן זיינע טעכטער און אויך געבן א שיינעם נדן אבער ערב פסח ווען ר' קאפל האט גערופן דעם גוי פאר וועם ער פלעגט שטענדיג פארקויפן דעם חמץ האט דער גוי זיך

ארויסגעדרייט מיט פוילע תירוצים אז ער קען נישט קויפן היי יאר דעם חמץ ר׳ קאפל האט געבעטן איין גוי נאכן צווייטען אבער יעדער האט געהאט אן אנדערן תירוץ און קיינער האט עס נישט געוואלט אפקויפן ר׳ קאפל איז געווארן זייער אומגעדולדיג אז עס איז שוין כמאט "סוף זמן ביעור חמץ" און זיין פארמעגן איז נאך נישט פארקויפט

ווי נאר עס איז געווארן דער זמן פון "שריפת חמץ" האט ר׳ קאפל גענומען א וואגן און ארויף געלייגט דערויף זיין "גאנץ פארמעגן" אלע פעסער ברוינפן אן עס געטראגן צום ברעג פונעםטייך און עס דארטן אראפ געווארפן זאגענדיג"כל חמירא" מיט גרויס כוונה עס איז אים געווען א געוואלדיגע שמחה אז ער איז איצט מקיימדי מצוה פון "ביעור חמץ" לויטן פשוט׳ן פשט טראץ דעם וואס ער האט געוואוסט אז ער בלייבט יעצט אן ארימאן אויפן גאנצן לעבן די גוים זענען געשטאנען פון די זייט און זיך געריבן די הענט פאר פרייד אז אט אט וועלן זיי ווערן מיט א געוואלדיגע עשירות זיי האבן קוים געקענט ווארטן ביז ר׳ קאפל וועט אנקומען אהיים.

רבי קאפל איז אנגעקומען אהיים מיט גרויס שמחה לויבענדיג השי"ת אז ער האט געהאט די זכיה עומד צו זיין בנסיון און אוועק ווארפן דעם חמץ מיטן גאנצן הארץ אבער זיין פרוי און קינדער זענען יא געווען זייער טרויעריג, אז זיי וועלן פלוצלונג ווערן ארימעלייט דעם גאנצן יו"ט איז ר׳ קאפל געווען זייער גוט אויפגלייגט און פרייליך אז ער האט אריינגעברענגט א שמחה אין די גאנצע משפחה.

מוצאי יו"ט ווען ר׳ קאפל האט געענדיגט "הבדלה" האט ער אריינגעקלערט וואס ער קען יעצט טאן ער האט דאך נישט קיין געלט צו מאכן פרישע ברוינפן האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט גיין זעהן די פעסער אפשר דאך האבן די גוים איבער געלאזט עפעס א טראפן אפילו נאר די ליידיגע פעסער אליין וועט ער זיי נעמען און פארקויפן פאר עטליכע פרוטות ער זאל כאטש האבן עפעס געלט.

ווי ערשטוינט איז רבי קאפל מי זיין משפחה געווארן ווען זיי זענען אנגעקומען צום ברעג ים און געזען אז די פעסער זענען גאנץ קיינער האט זיי נישט גערירט פון ארט די גוים זענען דארט געשטאנען ארום און געזאגט צו אים "אוי דו איד דאס הייסט ביי ענק "ביעור חמץ" אז מען שיקט א סאלדאט מיט א שווערד צו היטן די פעסער אלע זיבן טעג בייטאג און ביינאכט ? פארוואס האסטו נישט מפקיר געווען דעם חמץ געהעריג אן קיין שומר?".

רבי קאפל איז געווארן זייער איבערראשט פון זייער פראגע ער האט גענצליך נישט געוויסט פון קיין שום סאלדאט ער האט נישט געשטעלט קיין שומר ער האט אבער פארשטאנען אז דער "שומר ישראל" האט רחמנות געהאט אויף איינעם וואס איז זיך "מוסר נפש" אויף א מצוה און האט אפגעהיטן גאנץ פסח בייטאג און ביינאכט זיין פארמעגן אז ער זאל נישט שאדן האבן פון די הייליגע מצוה ... דאן האט ר׳ קאפל גענומען אלע פעסער ער האט זוכה געווען דערין פון "הפקר" און זיי צוריק אהיים געפירט אזוי ווי ער האט זיי געטראגן (עס זענען געווען צדיקים וואס האבן דערציילט די מעשה יעדן שושן פורים ביי די יארצייט פון רבי קאפל ז"ע)

## לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו

ווי באקאנט האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע זייער שטארק געוואלט פארן קיין ארץ ישראל. פון הימל האט מען דאס נישט צוגעלאזט. און א געוויסע יאר האט ער נאכאמאהל פרובירט צו פארן קיין ארץ ישראל. אינמיטן זיין נסיעה, וואס איז פינקט אויסגעקומען פאר פסח, האט ער וועגן געוויסע שטערונגען געדארפט פארבלייבן אין דער שטאט קאנסטאנטינאפעל.

דארט אין יענע שטאט, האט מען נישט געוואוסט פונ'ם גרויסקייט פון דעם הייליגן בעל שם טוב. צוליב דעם האט איהם קיינער נישט ספיציעל באמערקט, אין ער האט נישט באקומען קיין איינלאדענונג צום סדר. דער הייליגער בעל שם טוב איז בכלל נישט געווען באזארגט. ער איז רואיג געגאנגען אין בית מדרש און זיך געזעצט לערנען.

די גרויסע צדיקת אדל וואס איז מיטגעפארן מיט'ן הייליגן טאטן, איז יא געווען באזארגט, ווייל דער יום טוב פסח איז שוין באלד דא, און עס איז נישט דא ווי איינצושטיין. אפילו קיין פרוטה איז אויך נישט געווען צו קענען איינקויפן אויף יום טוב. זי האט זיך זייער שטארק צעוויינט.

זי האט גענומען איר פאטער'ס העמד צום טייך אויסצוואשן, טראכטענדיג אז כאטש א ריין העמד זאל זיין אויף יום טוב. בשעת זי האט געוואשן דעם בגד, האט זי מתפלל געווען צום רבונו של עולם, אז זיי זאלן געהאלפן ווערן.

עס איז אדורך געגאנגען א גביר און באמערקט ווי זי וויינט, האט ער איר געפרעגט: "וואס האט מיט אייך פאסירט?". האט זי פארציילט זייער גאנצע פארלעגנהייט, ווי אויך וועגן דעם גרויסקייט פון איר הייליגן טאטן.

דער גביר האט איר בארואיגט, זאגענדיג: "ביי מיר וועט איר זיין אויף יום טוב, און עס וועט אייך גארנישט פעלן", אויך האט ער איר איבערגעגעבן זיין אדרעס.

דער צדיקת אדל איז באלד געלאפן אין בית מדרש פארציילן איר פאטער אז זיי האבן שוין ברוך השם ווי צו זיין אויף יום טוב.

ערב פסח איז דער בעל שם טוב מיט זיין טאכטער אריבער צום גביר אין שטוב. דער גביר האט איהם זייער פריינטליך אויפגענומען. ער האט איהם געוויזן ווי זיין שלאף צימער געפינט זיך. דער הייליגער בעש"ט איז זיך געגאנגען אביסעל צולייגן.

עס איז שוין געווארן שפעט און מען האט שוין געדארפט גיין אין שוהל דאווענען. דער גביר איז אריין אין צימער, אויפצוועקן זיין גאסט. ווי ערשטוינט איז ער געווען, זעענדיג ווי אינמיטן שלאף גיסן זיך טייכן טרערן פון זיינע הייליגע אויגן.

א ווילע שפעטער האט זיך דער הייליגער בעש"ט אויפגעכאפט, און מיט א ברען געזאגט: "לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו". דערנאך זענען זיי געגאנגען צום דאווענען.

מען איז אהיים פון שוהל פריילך. דער בעש"ט האט געפירט דעם סדר אויף גאר א הייליגן שטייגער. דער

עושר האט פארשטאנען אז דא זיצט פאר איהם א גרויסע צדיק.

ווען מען איז אנגעקומען צו די ווערטער ״לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו״, האט דער הייליגער בעש״ט זיך זייער שטארק צופייערט. מיט גרויס פרייד האט ער דאס איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאהל.

ווען זיי האבן געענדיגט די הגדה האט זיך דער בעש״ט אנגערופן: ״ברוך השם אז דער אויבערשטער האט אונז געהאלפן און ער האט איבערגעדרייט טרויער צו פרייד״.

יום טוב אינדערפרי, איז די בעש״ט געשטאנען ביים פענסטער און פונקט איז אדורך געגאנגען א יוד וואס האט געהייסן ר׳ משה, און די בעש״ט האט ארויסגעשריגן פון פענסטער: ״גוט יום טוב ר׳ משה. יא, דער אויבערשטער האט געברענגט א ישועה צו זיין פאלק, און דו ביסט געווען דער גוטער שליח. אמת, ״לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו״.

די בעש״ט האט יעצט אנגעהויבן דערציילן וואס דא האט פאסירט.

דא אין קאנסטאנטינאפעל, האט אמאהל געוואוינט דער טערקישע קעניג. ער איז געווען אן אוהב ישראל. זיין יועץ איז געווען א יוד מיט׳ן נאמען ר׳ משה. קיין זאך האט ער נישט געטוהן אן זיך דורכרעדן מיט איהם.

ווען דער קעניג איז געשטארבן, האט זיין זון איבערגענומען דער מלוכה. דער זון איז אויך געווען אן אוהב ישראל. אויך ער האט גארנישט געטוהן אן דער עצה פון זיין ראטגעבער ר׳ משה.

צווישן די יועצים איז געווען א גוי׳שע אנטיסעמיט, וואס האט נישט פארגינט אז א יוד זאל זיין אזוי גרויס. כסדר האט ער געזוכט עצות איהם שלעכטס צו טוהן.

איינמהאל, איז איהם אייגעפאלן א פלאן. ער האט געזאגט אז עס וואלט געפאסט אז דער קעניג זאל ארומגיין אין דעם גאנצן לאנד, כדי אז יעדער זאל אנערקענען דער נייע מלך, און איהם באגריסן.

דער יועץ האט אויסגערעכענט אז דער קעניג זאל אנקומען צום יודישן געגענט פונקט פסח ביינאכט, ווען אלע יודן זיצן ביים סדר. אזוי וועלן זיי נישט באגריסן דעם קעניג. און דער יועץ וועט קענען אויספירן זיין בייזן פלאן.

דער קעניג איז טאקע ארויס אויף א שפאציר. נעכטן ביינאכט ווען ער איז אנגעקומען צו די יודישע גאס, האט ער געזעהן אז די יודן קומען איהם נישט אנטקעגן. ער האט זיך זייער געוואונדערט.

דער יועץ האט זיך גלייך אנגערופן: ״קוק ווי די יודן זיצן ביי זיך אין דער היים, און זיי פראווען גרויסארטיגע סעודות, און פון דיר מאכן זיי זיך גארנישט וויסענדיג״.

דער קעניג איז טאקע זייער באליידיגט געווארן, און געפרעגט דעם גוי׳שע יועץ: ״ווי אזוי דארף מען יעצט באשטראפן די יודן פאר דעם?״.

דער יועץ האט אויסגענוצט דעם געלעגענהייט און געזאגט צום קעניג: ״דיין גוטע יועץ ר׳ משה העצט זיכער אן די יודן, אים דארף מען הענגען, און אלע יודן דארף מען פארטרייבן פון דעם שטאט״.

דער קעניג האט זייער געפעלן די עצה, און באלד איבערגעגעבן זיין זיגעל רינגעל צום יועץ, אויסצופירן זיין רשעות׳דיגע אקציע.

ווען דער קעניג איז אהיימגעקומען, האט ער פארציילט פאר זיין אלטע מאמען וואס עס איז דא געשעהן. ווען זי האט דאס געהערט, האט זי אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין און געזאגט: "ווייסטו דען נישט אז די אלע וואס הייבן זיך אהן מיט די יודן האבן א ביטערן סוף? ווייסטו דען נישט וואס עס האט פאסירט מיט עמלק, המן, סנחרב, און נבוכדנצר, און אלע וואס האבן פרובירט צו טשעפענען מיט די יודן? די יודן זענען א גוט פאלק. דאס איז זיכער געווען א בלבול פון דיין שלעכטן יועץ".

שפעט אינמיטן נאכט, האט דער קעניג געשיקט רופן ר' משה. ער האט איהם פארציילט דער גאנצער מעשה, און געבעטן אן עצה, ווי אזוי מען דרייט זיך ארויס פון דער שלעכטע גזירה, נאכדעם וואס ער האט שוין ארויסגעגעבן דעם רינגעל צו דעם שלעכטן יועץ.

ר' משה האט זיך נישט פארלוירן, טראכטענדיג אז היינט איז דאך "ליל שימורים". דער באשעפער וועט זיי זיכער נישט פארלאזן. נאך אפאהר מינוט טראכטן, האט ער זיך אנגערופן: "מארגן אינדערפרי, ווען דער יועץ וועט אנקומען, זאל מען איהם גלייך באפאלן אז ער האט גע'גנב'עט דער קעניגס רינגעל".

אזוי איז טאקע געווען. מען האט געפונען דעם רינגעל ביים גוי'שע יועץ. מען האט נישט געמאכט קיין פארשונגען, נאר מען האט איהם באלד געהאנגען. אזוי זענען די יודן געראטעוועט געווארן פון א ביטער גזירה.

דער בעל שם טוב האט געענדיגט זיין ערציילונג און געזאגט: "ווען איך האב געוויינט אינמיטן שלאף איז דאס געווען צוליב דעם קטרוג וואס האט געהאנגען אויף כלל ישראל. ברוך השם אז מען האט גע'פועל'ט א ישועה", און ווען ר' משה איז אהיים געקומען, נאכדעם וואס מען האט געהאנגען דעם רשע, איז ער פונקט אדורך געגאנגען אייער הויז און איך האב איהם באדאנקט פארן זיין דעם ריכטיגן שליח.

## וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח

און דער וואס פארמערט צו דערציילן אין די געשעהנישן פון יציאת מצרים דער איז געלויבט, אין דער אמת'ן וואס האבן אונז זיך יעצט צו פרייען מיט דעם וואס אונזערע עלטערן זענען דעמאלט געראטעוועט געווארן, אונז זענען דאך יעצט אין א ביטערן גלות? מ'קען דאס געבן צו פארשטיין מיט א משל, א ארעמאן וואס האט נעבעך נישט געהאט קיין שטיקל ברויט אין מויל צו נעמען און ער איז געווען א עם הארץ ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט צו באצאהלן פאר א רבי'ן זאל מיט אים לערנען, האט זיך זיין מזל איבער געדרייט און ער איז זייער רייך געווארן, די ערשטע זאך האט ער זיך געדונגען א רבי'ן א תלמיד חכם זאל אים אויסלערנען די הייליגע תורה און ער האט ברוך השם שטארק מצליח געווען סיי אין לערנען און סיי אין רייכקייט, און יעדע'ס יאר ווען ס'איז אנגעקומען דער טאג וואס ער איז רייך געווארן האט ער געמאכט א יום טוב און געדאנקט דעם הייליג'ן באשעפער פאר די גרויסע חסדים וואס ער האט מיט אים געטוהן, ס'איז אריבער א שטיקל צייט און דער רעדל האט זיך צוריק געדרייט און ער איז נעבעך צוריק ארעם געווארן אזוי ווי פריעהר, אבער ווען ס'איז אנגעקומען דער טאג וואס ער פלעגט מאכן

דעם יום טוב האט ער זיך ווייטער געפרייט אפילו ער איז שוין צוריק ארעם געווארן, האבן אים מענט׳שן געפרעגט צו וואס פרייסטו דיך יעצט? האט ער זיי געענטפערט מיין געלט האב איך טאקע פארלוירן אבער די חכמת התורה וואס איך האב באקומען דורך מיין רייכקייט איז געבליבן אין מיר, איז די זעלבע מיט אונז, מיר פרייען זיך יעצט מיט יציאת מצרים אפילו אונז זענען יעצט ווייטער אין גלות ווייל דורך יציאת מצרים האבן מיר זוכה געווען צו קבלת התורה וואס דאס וועט אונז קיינמאהל נישט פארלאזן און מיט דעם וועלן מיר אייביג בלייבן, איז וועגן דעם וכל המרבה לספר ביציאת מצרים אפילו אין דעם פינסטערן גלות דערציילט ער די ניסים פון יציאת מצרים איז הרי זה משבח, איז ער געלויבט ווייל ער ווייזט אז ער ווייסט און ער פארשטייט די שמחה וואס מ׳דארף האבן וועגן קבלת התורה און עול מלכות שמים.

**(דברי שאול)**